א. דער סימן ש אין שו"ע פון אלט'ן רבי'ן בעל התניא, וואס אזוי איז דאך אויך אין דעם שו"ע פון ב"י, ר' יוסף קארו, הויבט זיך אן "לעולם יסדר אדם שולחנו במוצ"ש", אז שבת נאכט, איז ניט קוקנדיק אויף דערויף וויפיל ער וויל עסן, און צי מצד דעם אופן האכילה, וואלט ער געגרייט א טיש מיט אלע פרטים ווי אראפגעבראכט במיוחד אין שו"ע, פון פריסת מפה, פון לייגן א טישטאך, וויבאלד אבער אז דאס איז מוצש"ק איז צוויי ענינים: ערשטענס, עס דארף דעמאלט זיין א סעודה, אעפ"י אז דאס איז ניט ווי די סעודות פון שבת, וואס דעריבער פירט ער אויס, אז אויב ס'איז דא תנאים מיוחדים קען מען יוצא זיין אפילו מיט פירות, און אעפ"כ דארף דאס זיין באופן פון "יסדר שולחנו".

און ער איז מבאר דעם טעם דערויף, וואס דאס איז דאך אויך דער נאמען פון דער סעודה, וואס זי ווערט אנגערופען סעודת מלוה מלכה, אז דאס באגלייט מען די שבת מלכתא, וואס זי גייט אוועק, און עס הויבט זיך אן די ימי החול.

דער אלטער רבי איז נאך מוסיף בשולחנו הטהור: "כמלוה <u>המלך</u> בצאתו מן העיר", ער ברייננגט דא ניט דעם לשון מלכה, נאר דעם לשון <u>מלך</u>, און די דוגמא דערויף איז, אז ער גייט ארויס פון דעם שטאט וואו ער האט זיך געפונען ביז איצטער.

ואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז ב'עת מ'זאגט דעם לשון מלוה מלכה, איז דאס ניט ח"ו א חסרון אין דער מלכה אדער אין דעם מלך, דאס איז מערניט ווי א שינוי מקום וזמן, און דער שינוי (וואס דערפאר דארף מען האבן די אלע סדרים וענינים)איז לגבי די וואס פון זיי איז דער מלך אדער די מלכה אוועקגעגאנגען, דאס איז אבער ניט קיין גרעון ח"ו און אויך ניט קיין שינוי בנוגע להמלך והמלכה.

וואס בכללות דארף דאך דאס אויך מתאים זיין צו א פסק דין אין תורה, במילא מוז דאס מתאים זיין צו דעם וואס מ'זאגט אז נאך שבת גייט אוועק דער ויינפש,פון לשון וי נפש,אז עס גייט אוועק די נשמה יתירה צוזאמען מיט דעם שבת,וואס דאס איז דער שינוי וואס איז דא אין דעם אדם המלווה את המלכה ואת המלך, דער ענין פון נפש ית וואס שבת איז זי דא און דערנאך גייט זי אוועק.

דערפון איז אויך פארשטאנדיק,אז פונקט ווי אין משל פון דעם מלך מיט די מלכה,איז ניטא קיין גרעון ופחיתות הענין בא דעם מלך ומלכה מערניט פאר דעם שנשאר בעיר וואס דער מלך און די מלכה זיינען דארט פריער געווען, אזוי איז אויך דער ענין פון נשמה יתרה,אז עס איז ניטא קיין גרעון און שינוי אין דעם נפש יתרה, עס איז מערניטוואס זי איז משנה מקומה, אזוי האט זי מאיר געווען אין גוף, און האט פועל געווען אין גוף, ניט נאר ברוחניות נאר אויף אפילו בגשמיות.

וואס דערפאר איז דאך ווי יעדער ענין איז פארבונדען און שפיגלט זיך אפ אין א דין, וואס עס איז דא א דין, אז צו שבע ברכות דארף מען האבן א פנים חדשות, ד.ה. בשעת דעם ערשטן מאל אז מ'הט שוין אפגעפראוועט שבע ברכות בא שמחת חתן וכלה, און מ'וויל פראוועון א צווייטן מאל, דארף זיין צו דער סעודה א פנים חדשות,וואס איז ניט געווען בא דער פריערדיקער שבע ברכות.

וואס דאס איז א כלל אויף כל ימי השבוע, אז עס קומט אבער אן שבת, איז ווי דער דין איז דארף מען ניט האבן קיין פנים חדשוח וואס איז ניט געווען בא דער פריערדיקער סעדדה, דערפאר וואס די זעלבע אידן וואס זיינען געווען בא די פריערדיע סעודה, און געווען בימות החול איז אינו דומה מאור פניו של אדם בשבת ווי ער איז

– בימות החול –

בימות החול, אין פועל דער מאור פניו של אדם ווי א איד זעט אויס שבת איז דאס א נייער ענין און א פנים חדשות.

וואס דערפאר איז אויך כפשוטו דארף מען שבת מרבה זיין בסעודות, און באכילה ושתי׳, איז איינע פון די טעמים וואס שטייט דערויף: אזוי ווי עס קומט צו א נפש יתירה, איז ניט נאר וואס עס קומט צו אין ענינים-רוחניים, נאר עס קומט אויך צו ביז אין ענינים פון גוף, אכילה ושתי׳, און בא יעדערן איז דער נפש יתירה שייכות צו זיין נפש וואס ער האט כל השבוע כולה, וואס די איז דאך לפי אופן הגוף, דער חיבור פון א נפש און א גוף ווערט דאך אין א אופן אז איינער ווערט צוגעפאסט צו דעם צווייטן, במילא איז דער נפש יתירה אויך בערך פון דעם נפש וואס ער האט כל השבוע כולה.

וואס דעריבער האט דאך יעדערער באזונדער זיין נפש יתירה, און דאס איז ניט ווי דער ענין פון קדושת שבת, וואס דאס איז דאך שבת אחת לכל בנ"י במושבותם, דער ענין פון נפש יתירה אבער איז זיך מתלבש אין דעם גוף פרטי דורכ׳ן נפש פון דעם גוף, וואס דערפאר איז דאך מאור פניו של איש פרטי איננו דומה בשבת לימות החול, במילא איז אויך דערפון פארשטאנדיק, אז במוצש"ק ווען דער נפש יתרה גייט אוועק ווערט אין איר ניט קיין גרעון, בדוגמא ווי אין דעם מלך ומלכה, וואס ס׳ווערט ניט קיין גרעון, דער חסרון איז נאר, עס פעלט אין דעם גוף און אין דעם נפש וואס ער האט בכל השבוע כולה, די ענינים וואס די נפש יתרה גיט אין זיי צו.

וואס אזוי ווי עס איז בא יעדער איש פרטי, עד"ז איז דא בא כללות קומת בנ"י, עס איז דא דער ענין און די מציאות און די ענינים וואס זיינען זיי מחי׳, ע"ד ווי דער ענין פון א נפש וואס באלעבט דעם גוף, ביז וואנענט אז ער ווערט א גוף המדבר ומשכיל ועושה, די אלע ענינים וואס עס סוף דער גוף ווען דער נפש איז בתוכו.

עד"ז איז אויך דא די גופים פון די נשמות, וואס עס איז דא דרגות און לפנים מדרגות און לעילא מדרגות, איז אזוי אויך דא א רב בערך א תלמיד, וואס ער מאכט דעם תלמיד פאר א לעבעדיקע זאך, פאר א נפש המשכלת, אז די כחות וואס דער תלמיד האט און קאנען ביי אים ניט ארבעטן כל משך ימי חייו עלי אדמות, איז בשעת ער האט א גוטן רב ומחנך, באווייזט ער אים די וועג און העלפט אים צו אז די אלע ענינים וואס ער האט בכח זאל דאס ביי אים ארויס בפועל, ביז ויהי האדם לנפש חי׳ -לרוח ממללא, ווי ער זאגט אין תרגום, אז דאס ווערט א נפש המדברת בחכמה ובשכל ודעת, וואס דאס איז בדוגמא ווי א נפש איז מחי׳ את הגוף בכאו"א, אזוי איז אין בנ"א עצמם איז דא די וואס זיינען בבחי׳ מקבל וגוף לגבי די וואס זיינען משפיע ונשמה להם.

און אזוי איז אויך דא א רב ותלמיד, וואס דער רב איז א תלמיד לרב גדול הימנו, וואס בכללות איז דאס דא מצד החכמה, וביחוד חכמת התורה, וואס דאס איז דאך אמיתית ענין החכמה, איז דאך דאס ארוכה מארץ מדה, דאס איז אין סוף ואין תכלית, איז דערפון אויך פארשטאנדיג אז אין סדר השתל׳ פון רב ותלמיד קאן דאס גיין אין רבות מדריגות עד אין סוף ואין תכלית.

וואס דערמיט איז מען מבאר, אז משה רבינו אעפ"י וואס ער איז געווען דער ערשטער מקבל התורה מפי הקב"ה בסיני, איז ווי עס שטייט: יושב ג׳ אלפים שנה בג"ע און ער איז לומד תורה, לאחרי דעם וואס ער האט שוין מקבל געווען כל התורה כולה, ווארום נאך אמאל מחן תורה וועט דאך ניט זיין ח"ו, נאר דאס איז ענינים וואס זיינען געבליבען ברמז ובכללות וכו׳, איז אפילו משה רבינו מיט זיין געוואלדיגן שכל והבנה והשגה איז ג׳ אלפים שנה זיצט ער אין ג"ע און לערנט, נאך

- דערויף -

דערויף וואס ער האט פארשטאנען ביום קבלת התורה, און אזוי וועט דאס אנגיין ווייטער ווארום דאס איז כאמור, ארוכה מארץ מדה, ווארום תורה נעמט זיך דאך פון אויבערשטן, און הוא וחכמתו אחד, איז אזוי ווי דער אויבערשטער נותן התורה איז אין סוף אזוי אויך תורתו איז אן ענין פון א"ס, און מ׳קאן גיין אין איר בדרגות א"ס, ווי די גמרא זאגט: "ת"ח אין להם מנוחה לא בעוה"ז ולא בעוה"ב שנא׳ ילכו מחיל אל חיל יראה אל אלקים בציון ".

אפילו ווען עס וועט זיין יראה אל אלקים בציון, וואס דאס טייטשן דאך אפ חז"ל אז דאס וועט זיין בביאת משיח צדקינו,וואס ילמד תורה את כל העם כולו, וועט דעמאלט אויך ניט זיין א ענין אז מ׳וועט דאס קאנען אפלערנען און מסיים זיין, נאר דעמאלט וועט אויך דיין דער ילכו מחיל אל חיל. וואס דער ענין ההליכה באמיתיו,איז דאך חסידות מבאר, אז דאס מיינט אן עלי׳ באין ערוך, ווארום אויב דאס איז בערך ווי ידיעתו בדרגתו הקודמת, איז דאך דאס ניט דער אמת׳ער ענין פון חליכה ממקומו; ער האט נאך אן אחיזה און שייכות צו זיין הבנה והשגה פון פריער.

דאס גיט אויך א פארשטאנד צו דעם וואס די גמרא דערציילט,אז ווען ר"ז איז אויפגעגאנגען פון בבל אין א"י האט ער געפאסט כמה תעניות, נאך איין גירסא ארבעים, און נאך א צווייטע מאה, און דאס אלס איז געווען בכדי דלישכח תלמוד בבלי , כדי ער זאל קאנען אויפ-נעמען תלמוד ירושלמי, עס איז אויף אזויפיל ניט געווען בערך די הבנה והשגה ווי מ׳האט דעמאלט געלערנט אין ארץ ישראל לגבי די הבנה והשגה ווי מ׳האט געלערנט די זעלבע ענינים בתורה אין בבל, איז יענער זכרון וואס וואלט כעבליבען מלימודו הקודם וואלט עס אים געשטערט און מבלבל געווען אויף מקבל זיין על בוריו ולעמקו דעם לימוד הנעלה פון א"י (וואוהין ער איז אויפגעגאנגען).

עס איז דאך אבער יעדער ענין אין יעדער דור, דארף מען האבן דעם ענין כללי וואס איז מחי׳ דעם דור, וואס דאס איז דער ענין פון ראשיכם בכל דור ודור, ראשי אלפי ישראל, ווי דער רבי טייטשט דאס אפ אין תניא, אז זיי זיינען בבחי׳ ראש ומוחין פון דעם דור שבו הם נמצאים וואס דאס איז אין כללות קומת בנ"י נאך בימי משה, איז בשעת ער רעכנט אויס דעם אתם נצבים היום כולכם, הויבט ער אן אין א אופן מלמעלמ"ט, די ערשטע זאך איז אזעם איז די אידן, וואס זיי זיינען ראשיכם, וואס דער ראש איז דאך מחי׳ כל הגוף כולו, און פון דערויף זיינען זיך משתלשל ומקבל די אלע דרגות שלאח"ז, שבטיכם, זקניכם ביז חוטב עציך ושואב מימיך, וואס דאס איז דער ענין פון בדים ונתינים שהיו בימי משה ווי חז"ל טייטשן דאס אפ.

עד"ז זאגט ער אין תקוני זהר, אז עס איז דא אתפשטותא דמשה בכל דרא דרא, וואס דאס איז דער רעיא מהימנא שבכל דור, דער רועה נאמן שבכל דור, וואס ער איז אויך אין דעם אופן ווי משה האט געזאגט שש מאות אלף רגלי העם אשר אנכי בקרבו, ווי דער אלטער רבי טייטשט דאס אפ: שהם בבחי׳ רגל ", ער רופט זיי אן בשם רגלי, ווארום ער איז געווען זייער קאפ, ער האט זיי מחי׳ געווען, און זיי געפירט, עד"ז איז אין דעם אתפשטותא דמשה בכל דרא, איז דאס אויך דער וואס פירט אן מיט די אנשי הדור.

דאס איז ניט קיין סתירה וואס עס איז געווען אזוינע וואס האבן אפגעקריגט אויף משה ודורו, ווי מחלוקת קרח ועדתו, וכיו"ב, און אעפי"כ איז משה וואס ער איז געווען אן איש אמת איז בשעת ער האט געזאגט שש מאות אלף רגלי, וואס אין די שש מאות זיינען דאך אויך געווען דתן ואבירם ובל אלו שחלקו על משה, און זיי האבן

– משלים געווען –

משלים געווען די ששים רבוא מישראל, טייטשט ער דאך אפ אין תניא, אז דאס איז קיין סתירה ניט, ער קאן זיין א מנגד אויפ'ן חיות, ביז אין אן אופן פון צפרנים וכיו"ב, און אעפ"כ איז ער מקבל חיות, ווי ער איז דארט מבאר, ווי עס קאן זיין דער קבלת החיות ביי פושעים ומורדים בת"ח שבאותו הדור.

ועד"ז איז דאס אויך באתפשטותא דמשה דבכל דרא ודרא, וואס על אחת כמה וכמה אז עס טרעפט זיך צוזאמען די צוויי ענינים, אז המלך יוצא מהעיר, אדער ווי דער לשון וואס רש"י ברענגט אראפ פון מדרש, אז דער נפש יתירה גייט אוועק, איז דאס ניט ח"ו א ענין פון פחיתות וגרעון אין די נפש יתירה, עס איז מערניט דער פארבונד איז ניט אזוי ווי געווען פריער.

וואס דאס איז דער חילוק פון די נשמה יתירה ביז א רועה נאמן, בנוגע לצאן מרעיתו, ווי דער רבי דער בעל ההילולא שרייבט אין דעם אגה"ק הידוע בנוגע לאביו נאך די הסתלקות פון זיין פאטער, נשיא בנ"י בדורו, אז א רועה נאמן לא יעזוב צאן מרעיתו אפילו לאחרי ההסתלקות און ווי אלע ענינים אין דאס אויך מיוסד אויף נגלה דתורה, וואס די גמרא דערציילט אויפ'ן ערשטן רועה נאמן, וואס נשיאי ישראל בכל דור ודור איז דאס זיין התפשטות, אז מה עד באן עומד ומשמש, אז ער האט משמש געווען אידן, אזוי אויך להלן עומד ומשמש אפילו לאחרי ההסתלקות.

די בחינה אויף צו וויסן ווער איז דאס א רועה נאמן, איז די בחינה ווי מ'געפינט ביי משה'ן, אז דער וואס פארזארגט צאן מרעיתו אין איין שטח, אין איין סוג ענינים, ניט דאס איז דער ענין פון ראש וואס ער איז מחי' את כל הגוף, כל האברים, ווי די נשמה איז מחי' דעם גוף, איז ער ניט מחי' נאר דעם שכל שבמוח נאר אויך דעם רגש שבלב און אויך דעם כח ההליכה שברגל ביז דעם חיות נעלם וואס עס איז דא בצפרנים ובשערות, אזוי איז אויך דער סימן ובחינה אויף א נשיא, רועה נאמן איז בשעת ער פארזארגט סיי די קאפ סיי די הארץ סיי די אברים גשמיים וחומריים.

וואס דאס איז די הנהגה פון רבותינו נשיאינו,ובמיוחד פון דעם בעל ההילולא, אז פונקט ווי ער האט געזארגט פאר דעסל לימוד הקבלה ופנימיות התורה ותורת החסידות,, פאר דעם לימוד נגלה דתורה, אפילו דארט וואו מען האט געלערנט נגלה דתורה אן פנימיות התורה, אזוי האט ער אויך געזארגט פאר דאס וואס איז פארבונדען מיט הרגש הלב, פאר די אנשי הרגש, פאר די וואס זיינען ניט שייכות צו הבנה והשגה ביז אויך פאר די וואס זיינען מערניט בבחי' רגלים אויף אויסצופירן אן ענין גשמי וחומרי, ביז אויך אפי' די וואס זיי זיינען אין אן אופן פון פושעים ומורדים בת"ח, וכידוע כמה ספורים בזה.

און וויבאלד אז דאס איז ווי א רועה נאמן ווי די בחינה באווייזט, האט מען דערפון אז דאס איז ניט ווי די נפש יתירה, וואס מ'דארף האבן דעם ענין פון בשמים אויף אפמינטערן, וכמה וכמה ענינים וואס זיינען פארבונדען דערמיט, נאר אף להלן איז עומד ומשמש ואינו עוזב צאן מרעיתו, ע"ד ווי ס'איז געווען בחיים חיותו בעלמא דין, סיי אין ענינים וואס זיינען פארבונדען מיט ראש, ביז אין ענינים וואס זיינען פארבונדען מיט רגל, ביז אין ענינים וואס זיינען פארבונדען מיט צפרנים ושערות.

ביז וואנענט דער אלטער רבי (וואס דאס איז די התחלת ויסוד פון תורת חב"ד ) איז נאך מוסיף , אדרבה, אז דאס וואס שטייט אין זוהר: "צדיקיא דאתפטר אשתכח בכולהו עלמין יתיר מבחיוהי", איז דאס געמיינט אויך אין עוה"ז הגשמי, און מ'זאל ניט מיינען אז דאס איז

– מערניט –

מערניט ווי במילי דשמיא, איז ער מסביר, אז דאס איז אויך במילי דעלמא, און איז נאך מוסיף, אז אדרבה, בשעת ס'איז געווען די הגבלות פון דעם גוף אין דעם נשיא, איז דעמאלט האט דער גוף געשטעלט תנאים ווי אזוי מ'קען מקבל זיין די השפעה מיט די ברכות הנשיא, בשעת עס איז אתפטר, איז יתיר מבחיוהי, דערפאר וואס דעמאלט איז ניטא די הגבלות הגוף, ווי דער רבי שרייבט אין אגה"ק, קען מען נעמען גלייך אן די הגבלות.

דער איינציקער ענין וואס מ'דארף האבן אויף דערויף, איז ווי ער זאגט אין אגה"ק סימן ז"ך וביאורו, אז יעדער השפעה איז דאס ע"י ענין האהבה, עס דארף זיין דער רוח וואס עס איז אמשיך רוח ואייתי רוח, בשעת מ'שטייט פא"פ און מ'וויל מקבל זיין איז דאס איז דער סימן אויף ענין האהבה והקירוב, דעמאלט איז יתיר מבחיוהי אויף מקבל זיין סיי במילי דשמיא , סיי במילי דעלמא.

און אויף דערויף זאגט מען: "יסדר שולחנו במוצאי שבת", וואס דאס איז אן ענטפער שלא כאלו אין די ענינים וואס א ענין פון צדיקיא דאיתפטר איז היפך הענין פון יסדר שולחנו, און דא זאגט מען אדרבה, אז דעמאלט איז דער ענין פון יסדר שולחנו בהידור, אעפ"י וואס דער גוף זיינער וועט האבן ניט מער פון א כזית, אדער מערניט ווי פירות, ער דאף אבער באווייזען,אז ער איז מלוה את המלך ואת המלכה בצאתו מן העיר, משא"כ דא קומט נאך צו דער יתיר מבחיוהי, אז איצטער איז ניט דער ענין פון בצאתו מן העיר, נאר אשתכח יתיר, סיי במילי דשמיא, און אפילו במילי דעלמא.

און ווי דער רבי דער בעל ההילולא שרייבט איך אגרת בנוגע צו ב' ניסן, אז מ'דארף האבן עמדו כולכם הכן, אז מ'דארף שטיין אנגעגרייט, וואס דאס איז ווי פריער גערעדט אויף אהבה וקירוב, דעמאלט איז מען מקבל די ברכות, ברכות נשיאינו נשיא כל ישראל, אין מילי דשמיא און אין מילי דעלמא,למטה מעשרה טפחים מגשם ועד רוח.

ב. ע"ד ווי מ'האט פריער גערעדט, אז די בחינה פון א רועה נאמן איז, אז ניט ווי ער שטייט פאר זיך במדריגת הראש והנשמה, נאר ער לאזט זיך אראפ אין דעם גוף און אין זיינע תלמידים ומקבלים לפי עניניהם און גיט זיי איש לפי אכלו, יעדערן וואס איז פאר עס צוגעפאסט, וואס דעריבער דערציילן דאך חז"ל אויף "ומשה הי' רועה", אז ווי האט מען געוואוסט אז ער -משה - איז דער וואס איז צוגעפאסט פאר א רועה ישראל, האט אים דער אויבערשטער אויסגעפראווט ווי וועט ער זיך פירן מיט צאן יתרו,

און בשעת מ'האט געזעהן אז די זקנים פירט ער איך אזא מין ארט וואו עס וואקסט גראז וואס איז לפי כוחן, און די מיטעלע פירט ער דארט וואו עס וואקסט גראז לפי כחם, און די עלות ורבות פירט ער אין אזא מין ארט וואו עס איז דא די עשבים רכים ביותר, דעמאלט האט דער אויבערשטער געזאגט, אז דער איז ראוי צו זיין א רועה פאר עמי בני ישראל, עס איז דאך אין מקרא יוצא מידי פשוטו, אז דאס רעדט זיך וועגן צאן יתרו חותנו, און וואס זיי האט משה געפאשעט, וואס אפילו דעמאלט איז ער אויך געשטאנען אין אן אופן נעלה ביותר בכלל, עאכו"כ בערך יתרו, וואס אויף אים זאגט מען דאך אז ער האט עובר געווען כל ע"ז שבעולם, ווער רעדט נאך אז דאס רעדט זיך ניט וועגן יתרו אליין, נאר וועגן צאן יתרו,

איז דאך לכאורה ניט פארשטאנדיג, בשעת מ'דארף אויספר-ווען ווי ער וועט קאנען טראגען טרחכם ומשאכם פון בנ"י, איז פארוואס דארף מען דאס אויספראווען אין צאן פון א גוי, און נאך פאר מתן תורה?

- וועט מען -

וועט מען עס פארשטיין פון דעם וואס דער אלטער רבי איז מבאר אין תניא, אז דער וואס איז עובר על רצון השם, זאגט מען אים יתוש קדמך, און דאס איז דער פירוש פון אחור וקדם צרתני, און דער אלטער רבי איז דארט מבאר, אז אפילו א יתוש פירט זיך ווי דער אויבערשטער האט אים באשאפען לפי טבעו וענינו, משא"כ דער וואס איז חוטא ועובר על רצון השם, וואס ער האט דאך דעם חלק אלוה ממעל ממש, וואס דאס איז דער נפש השנית שבכאו"א מישראל, וואס רוח האדם העולה היא למעלה, דער נפש השנית ציט זיך למעלה צו ענינים רוחניים, דער היפך פון רוח הבהמה היא היורדת למטה, און בשעת ער איז עובר דעם רצון הבורא, טוט ער דאך היפך טבע של נפשו, און דערפאר איז יתוש קדמך.

דעריבער בכדי מ'זאל באווארענען אז משה רבינו קאן טראגען טרחכם ומשאכם אפילו פון די וואס זיינען פושע ומורד בו, מוז מען אים אויספראווען בא אזא מין וואס ער האט עובד געווען עבודה זרה, וואס דאס איז פון די שבע מצוות בני נח, ער האט געטאן היפך טבעו, וואס דאס איז דער דיוק וואס ער האט געדינט כל ע"ז, וואס אין די ע"ז שבעולם, איז אפילו לויט די שיטה וואס האלט אז בן נח איז ניט מצווה על השיתוף, איז דאך אבער דא די ע"ז וואס שרייט אני ואפסי עוד, וואס דאס איז ניט שיתוף, דאס איז דאך דער צווויי וואס א ב"נ איז אויך מצווה לכל הדורות.

און בשעת מ'האט אים אויסגעפראווט, אז אפילו בהנוגע צו יתרו האט ער אויך געדולד אויף באווארענען אים בעניניו, און ניט נאר אים נאר אויף בהנוגע לנכסיו, און ניט אין אן אופן וואס ער לאזט גיין די זאך ווי זי איז אין אן אופן מקיף, נאר ער איז זיך מתבונן, וואס פארא דשא ועשבים עס דארפן האבן די זקנים, און וואס עס דארפן האבן די רכים ועלות, ווייסענדיק אז זיי געהערן צו אזא מין וואס האט עובר געווען אויף שבע מצוות שלו, דאס איז די בחינה אז ער קאן זיין א רועה נאמן, אויך בהנוגע ניט נאר צו שבטיכם זקניכם, נאר אויך צו חוטב עציך ושואב מימיך, וואס דאס איז דאך די דרגא הכי תחתונה.

און אין דערויף איז אויך אין מקרא יוצא מידי פשוטו, עס איז ניט מספיק וואס ער וויל באווארענען זייער עולם הבא, ענינים רוחניים שלהם, נאר אויך ווי עס איז געווען בא משה, אז ער האט באווארענט די צאן יתרו, פשוט געגעבן זיי די גראזען וואס זיי זאלן קאנען עסן, חאטש אפילו נאכן עסן וועט דאך אויך בלייבן א ציג.

וואס אזוי איז אויך דער דרך אנהויבנדיק פון בעש"ט, איז דאך ווי דער בעל ההילולא דערציילט, אז אין שנת תע"ב האט דעמאלט דער בעש"ט אנגעגעבן די צדיקים נסתרים, וואס ער איז מהתבריא שלהם, א דרך בעבודתם, אז מ'זאל ארויסגיין איבער שטעטלעך און דערפער און מושבי בנ"י און העלפן זיי בענייהם הגשמיים, אפילו אין די דערפלעך, כידוע דער מצב ווי עס איז געווען בימים ההם, אין די קרעטשמעס, רכיו"ב, וואס דארטן איז דער מצב הרוחני געווען גאר שלא כדבעי, און האט אויפגעגעבן דעם סדר אז מ'זאל אנהויבן באווארענען פון צרכיהם הגשמיים, און די צדיקים נסתרים האבן אנגענומען דעם דרך. און מ'האט א סימן געגעבן, אזוי ווי דאס איז געווען בשנת תע"ב, אז דאס איז ראשי תיבות : " תבוא עליו ברכה".

דעמאלט איז דאס געווען א הנהגה וואס מ'האט אנגעוויזן פאר צדיקים נסתרים, בשעת ער איז נתגלה געווארען און ער איז געווארען דער נשיא תורת החסידות הכללית, און נשיא כל בנ"י כמבואר לעיל, האט ער דעמאלט ארויסגעגעבן אין תורה, וואס דאס איז געווארען א חלק פון תשובע"פ שנתגלה, אבער וואס ניט למשה מסיני, אז א נשמה גייט אראפ למטה אויף אפלעבן זיבעציג אכציג יאר אין עוה"ז כדי צו טאן א טובה א אידן איינמאל, בגשמיות אדער ברוחניות.

- אז -

אז צוליב טאן א טובה א אידן בגשמיות איז כדאי דער ירידת הנשמה מאיגרא רמא לבירא עמיקתא במשך פון שבעים שנה, ואם בגבורות שמונים שנה.

ובנשיאים שלאחריו איז דאס אלץ געבליבען אין כתבים, און אין תורות בע"פ, איז געקומען דער בעל ההילולא, און האט דאס געזאגט, און איבערגעחזר'ט כמה וכמה פעמים, אנהויבנדיק פריער בע"פ, און דערנאך אין א בריוו, און דערנאך געהייסן דאס אפדרוקען.

וואס דעמאלט ווערט דאך דאס תושבע"פ שנתפרסמה לדורי דורות, ווערט דאס א דרך סלולה, דרך התורה, וואס זי ווערט אנגערופען תורת חיים, אויף באווארענען א אידן אין ענינים גשמיים, און דאס קאן זיין דער תכלית כל ירידתו מאיגרא רמה לבירא עמיקתא, און וויבאלד דאס ווערט א חלק אין תורה, איז דאך ווי כל עניני תורה דארף זיין עבודת השם בשמחה ובטוב לבב, ביז אין אן אופן פון מרוב כל, ווי חסידות טייטשט דאס אפ, אז דאס איז נאך מערער ווי דער כל טוב וואס עס איז דא אין ג"ע התחתון, און אין גן עדן העליון און למעלה מזה.

וואס דאס איז דאך וואס די גמרא זאגט: "כל הנותן פרוטה לעני מתברך בשש והמפייסו (אז ער גיט דאס בשמחה ובסבר פנים יפות) מתברך בי"א", מיט עלף ברכות, וואס ווי חסידות טייטשט דאס אפ, איז דער גאנצער ענין פון וועלט, איז בעשרה מאמרות נבה"ע, דורך דערויף וואס ער גיט א פרוטה לעני בסבר פנים יפות מתוך שמחה וטוב לבב, איז ניט נאר ער ה״ט די גאנצע וועלט מסוף העולם ועד סופו, נאר עס איז דא דער י"א, עס איז נאך העכער פון וועלט, נעמט ער דאס אויך, דערפאר וואס דאס איז מרוב כל.

און דאס איז וואס מ'זאגט אז מוצ"ש איז ניט בענוג אז מ'זאל עסן, נאר עס דארף זיין " יסדר שולחנו", און מ'איז מפורש אז עס דארף זיין דער ענין פון "יסדר מפה", וואס ווי עס איז משמע בכ"מ, איז דער ענין פון סידור המפה, און ווי מ'זעט דאס אויך במוחש, איז דאס אן ענין של חביבות וחשיבות, וואס דערפאר איז ער זיך משתדל עס זאל זיין א ריבוי מאכלים ויפוי המאכלים, ווארום ניט נאר ער וויל יוצא זיין ידי חובתו, אפעסן די סעודה מיט'ן כזית, נאר ער וויל ס'זאל זיין בשמחה וטוב לבב.

און עס איז ניט מספיק וואס ער מאכט ביי זיך אפ בכוונה ובמחשבה, דאס דארף זיך אויסדריקן אין א ענין וואס עס ווערט געזעהן דורך עיני בשר, יסדר מפה על השולחן, וואס דעמאלט איז די אכילה ב באופן אחר, פשוט די אכילת הגוף כפשוטו.

וואס דאס איז אויך וואס עס זיינען דא די כמה ענינים וסיפורים פון בעל ההילולא, וואס ניט נאר עס איז געדוען דער ענין פון עשיית הטוב, דער ענין פון רעיית צאן מרעיתו, נאר עס איז געטאן געווארען בסבר פנים יפות, כאמור לעיל, מתוך שמחה וטוב לבב.

עס איז כמבואר בכ"מ, און דאס איז אויך א נקודה אין תורת החינוך, אז אין וואס באשטייט די נקודה, דער תכלית ומטרה פון אן אמת'ן מחנך, איז ניט ער זאל מאכן פון זיין תלמיד א מקבל, אז דאס וואס ער לערנט מיט אים זאל ער פארשטיין, און כל ימיו זאל ער דארפן אנקומען צו דעם מלמד שלו, צו זיין לערנער, צו זיין רב, נאר דער תכלית איז, ער זאל פון אים מאכן א זעלבסטשטענדיקן, ער זאל קאנען לערנען אליין, ער זאל שוין ניט דארפן אנקומען צום רב.

און דאס איז נאך אויך ניט מספיק, דער אמת'ער ענין אין חינוך איז, אז ער איז קובע ומטבע - פון לשון מטבע שטבעו חכמים- - בתלמידו -

בתלמדדו ביז וואנענט דער תלמיד זיינער זאל אויך ווערן א רב ומשפיע.

וואס דאס איז וואס די ברייתא זאגט אין עדיות: "גדול מרבן סמו", ווי מ'רעכנט דארט אויס די אלע דרגות, זאגט ער אז וואס איז דערויף דער סימן " מי שיש תלמידים לתלמידיו". דאס וואס ער האט אויפגעשטעלט תלמידים, איז ראוי שיקרא רב ורבי, דאס וואס דער תלמיד דארף צו אים ניט אנקומען איז נאך אלץ ניט די תכלית הכוונה, בשעת אבער אז "יש תלמידים לתלמידיו", ער האט אויפגעמאכט פון זיין תלמיד אז ניט נאר ער דארף צו אים ניט אנקומען, נאר ער ווערט א רב וואס שטעלט אויף תלמידים, ווער רעדט נאך תלמידים הרבה, דעמאלט ווערט ער נכתר אין א שם מיוחד, דאס איז דער אמת'ער ענין פון א מחנך.

דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז דער תכלית ומטרה פון רבותינו נשיאינו איז געווען, ניט נאר מ'זאל ווארטן אז עס וועט אנקומען א פקודה לך למקום פלוני, און טו דעם און דעם אידן א טובה, לויפט ער בשמחה ובטוב לבב, און טוט דאס אפ, נאר די מטרה איז, אז מ'זאל אליין זוכן, און אליין כאפען זיך, וואו עס איז דא א איד, וואס ער קאן אים טאן א טובה, כאמור אדער אין גשמיות אדער אין רוחניות, אדער אין בידע זאכן,, און דאס איז נאך ניט דער תכלית ההישג וואס עס איז דא אין חינוך, עס דארף זיין תלמידים לתלמידיו, אז מ'ווערט אין אזא אופן אז מ'פועל'ט אויפ'ן צווייטן בדברים היוצאים מן הלב, אז ער זאל אויך דורכגעדורנגען ווערן מיט אהבת ישראל אין אזא אופן אז ער זאל זיך פירן אין דעם וועג וואס רבותינו נשיאינו האבן אנגעוויזן.

דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז דאס איז א דבר הפיוט, אז מה דאך א אויש־פשוט; ווייס די מעלה פון זיין נשמה לגבי זיין גוף, די מעלה פון רוחניות, ווי ער פארשטייט רוחניות לגבי גשמיות, עאכו"כ ווי דאס פארשטייט דער רב פון תלמיד, עאכו"כ ווי דאס פארשטייט רבן של ישראל, דער נשיא הדור, די מעלה פון רוחניות, איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז ניט נאר ער איז זיך מסתפק אויף געבן ענינים גשמיים, נאר אויך געבן ענינים רוחניים, ואדרבה, מצד הכרתו וידיעתו במעלת הרוחניות על הגשמיות, לייגט ער זיך אויף דערויף בכל כחות נפשו, ביז צו מס"נ, און אין מס"נ גופא, איז דאך דא ווי ער זאגט אין זוהר :" נשמתא ונשמתא לנשמתא", וואס אין תורה איז דאס דער ענין ווי דער זהר טייטשט דאס, דער פנימיות התורה, און רזין דרזין.

במילא, דער וואס איז מכיר וידע די מעלה פון תורה לגבי אנדערע ענינים, און אין תורה גופא, תורה לגבי נשמתא דתורה, לגבי בשמתא לנשמתא, ווי דער זהר זאגט אין בהעלותך, איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז דער וואס איז מכיר, און איז א אוהב ישראל, איז ער זיך משתדל בכל כחו עד למס"נ, אויף איבערגעבן רוחניות וגשמיות, ביז רזין דרזין דאורייתא.

און וויבאלד אז א רב אמיתי וויל אז דער תלמיד זאל ווערן ווי ער, ווי עס איז געווען בא דעם ערשטן רועה נאמן, וואס ער האט דאך געענטפערט, מי יתן אז כל עם השם זאלן ווערן נביאים, דאס איז געווען זיין וואונטש, אזוי איז אויך דער וואונטש פון אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא,, עס זאל זיין דער ענין דורך אהבת ישראל, מ'זאל זיך ניט באגנוגענען מיט א עזר גשמי, אדער א עזר רוחני במדריגה התחתונה,, נאר ביז דער תכלית העילוי וואס עס איז דא אין רוחניות, און פונקט ווי פאר זיך באגנוגענט ער זיך מיט א דבר המועט, און ער וויל האבן וואס מערער, ביז וואנענט אז מ'זאגט:

" עיני האדם לא תשבעינה", מי שיש לו מנה רוצה מאתים (און בשעה ער האט חוין די) מאתים רוצה ד׳ מנה, אזוי איז עאכו"כ ווי די גמרא דרש'נט אויף אוהב כסף לא ישבע כסף, אז דאס גייט בהנוגע לתורה ועניניה, אז וואס מער מ'גיט אלץ מער ווערט דער מקבל א כלי אויף מקבל זיין נאך מער, במילא דארף מען אים געבן אלץ מער און מער.

וואס דאס איז דער אמיתית הענין פון אהבת ישראל. בשעה מ'העלפט יענעם ארויס אין גשמיות אליין, און די רוחניות לאזט ער פאר זיך, איז דאס א האלבער ענין, אדער נאך גאר ווייניקער, בשעת ער גיט אים סיי אהבת השם, סיי אהבת התורה צוזאמען מיט אהבת ישראל, דעמאלט איז דאס דער המפייסו, ווארום ער גיט אים בסבר פנים יפות, וואס דעמאלסט איז מתברך בי"א, אז מ'האט דעם גאנצן סדר השתלשלות ומה שלמעלה מזה, וואס דאס איז דאך ברכתו של הקב"ה שאין לה סוף.

ג) דאס איז אויך דער סיפור וואס דער בעל ההילולא האט דערציילט בהנוגע לעצמו, וואס בכלל איז דער שלימות האדם הויבט זיך אן פון חיי נישואין, ווי געבראכט אין גמרא די ראי' פון לשון הכתוב זכר ונקבה ברא אותם ויברך אותם, ווען איז דא די אמת'ע המשכת הברכה מלמעלה, בשעת עס הויבט זיך אן ניט א אופן פון פלג גופא, נאר שלימות האדם, וואס דאס ווערט דאך אנגערופען בנין עדי עד, וואס דערפאר שפיגלט זיך אפ אין די הכנות לזה, אז ניט נאר יטע כרם, נאר אויך יבנה בית, וואס דערנאך גייט דאך ישא אשה בשלימות.

און ווי דאס שפיגלט זיך אפ אין איינע פון די ענינים וואס בנין עדי עד שפיגעלט זיך אפ אין בנין הבית כפשוטו און אויך פארקערט.

האט ער דערציילט: בשעת ער האט חתונה געהאט, ניט קוקענדיק דערויף וואס ער איז דאך געווען א בן יחיד, איז ניט ווי עס פירט זיך בדורנו אלו, אז די ערשטע זאך גיט מען אויס כו"כ אלפים אויף די ענינים וואס זיינען מערניט ווי ביום החתונה, און קודם לזה גיט מען אויס כ"וכ אלפים אין די הכנות קודם ליום החתונה, און דערנאך גיט מען אויס כו"כ אלפים אין די אלע ענינים חיצוניים, וואס מ'רעכנט אז זיי קומען לאחר החתונה, און דערנאך באטראכט מען זיך וויפיל דארף מען געבן אויף סעודת עניים.

דעמאלט אבער איז דער סדר געווען, אז קויפן א הויז איז מאן דבר שמי', מ'האט דאך אבער געדארפט האבן אז דער בנין עדי עד זאל האבן א בית לעצמו, האט מען צוגעבוים א חדר צו דעם בנין וואס איז געווען פון פריער, וואס דער חדר האט געדארפט זיין פון דעם ענין פון בבנין עדי עד, און דאס איז ניט ווי איצטער, וואס די ערשטע זאך באפוצט מען דעם חדר, מ'לאזט ניט אריין קיין רגל עני, אפילו ניט קיין רגל איש פשוט, און אפילו די וואס גייען אריין מעצמם, מאכט מען זיי איינג מיט וואס מ'קען, מ'איז זיי מזהיר אז דא טאר מען ניט טרעטן, און דאס טאר מען ניט שמירן, און דא טאר מען זיך ניט אנרירן, און דא דארף זיין נטילת ידים ג׳ פעמים, איז ווייניק טאמער ערגעץ וואו וועט בלייבען א פלעק, אויף די ענינים וואס געפינען זיך בבית, איז דארט -דעמאלט- געווען דער סדר הפוך,

איידער מ'האט אפגעגעבן דעם חדר פאר דעם בנין עדי עד, האט מען די ערשטע זאך געבראכט אהין תנוקות של בית רבן, ניט חשב"ר פון די רייכע פון שטאט, נאר די קינדער וואס האבן געלערנט אין ת"ת, וואס מ'קאן זיך פארשטעלן בכלל א ת"ת אין א אידישע שטעטל, עאכו"כ א שטעטל וואס איז געווען בכמות אקליינע, און נאך איידער ס'איז דארט געווען א ישיבה, און ווי עס האבן אויסגעזעהן די עניים וואס

- האבן ניט -

באבן ניט געקענט צאלן קיין שכר לימוד, וויפיל מ׳האט בעמאלט געצאלט א מלמד, און זיי האבן זיך געדארפט פארלאזען אז די קינדער וועט מען מחנך זיין אין ת"ת,

און די קינדער האט מען געבראכט אין חדר מיט דעם מלמד, און נאכדעם ווי די קינדער פון ת"ת האבן געלערנט מיט דעם מלמד אין דעם חדר, איז דאס געווען דער חינוך פון דעם בית חדש, וואוהין עס האבן זיך אריינגעקליבען דער וואס איז דערנאך געווארען נשיא ישראל.

דעם סיפור האט ער דערציילט ווען ער איז שוין געווען א נשיא, וכאמור כמה פעמים וויסנדיק אז סוכ"ס וועט דאס נתפרסם ווערן ברבים, וואס דאס איז א הוראה ווי א איד דארף מייסד זיין ביתו בישראל, ווארום אויב דאס וואלט געהאט א שייכות מערניט ווי צו א נשיא בישראל, וואלט דאס בעוואוסט מערניט ווי די וואס דארפן ווערן נשיאים, דאס וואס פריער האט דאס געוואוסט די שטעטל, און האט דאס דערנאך פאר-געסן, און דערנאך איז געקומען די צייט וואס ער האט דאס דערציילט, און עס איז נתפרסם געווארען, איז דאס געווארען אן ענין וואס איז די הדרכה פון בית בישראל, די ערשטע זאך איז יהיו עניים בני ביתך, און דעמאלט וועט דאס זיין ביתך, דער בית וואס האט צו דיר אשייכות.

נאר וואס דען, דו קאנסט דאך ברענגען עניים כדי זיי זאלן דיר קלאפען אויף דער פלייצע, און אויסקלייבן דיר פאר א טשערמאן, און געבען א מעדאל, און דו ביסט דער וואס האט געגעבן אזויפיל אויף דער צדקה פעדערייטשאן, ממילא וועט מען דיר אפדרוקען, אין אלע צייטונגען מיט די פיקטשערס, מיט די שבחים, ביז וואנענט עס וועט דערגייין למעלה מעלה, און ער האט דאך א פס"ד פון שו"ת הרשב"א וואס דער רמ"א ברענגט דאס אראפ, "מצוה לפרסם עושי מצוה", זאגט מען, ניין, ניט דאס איז די כוונה, די כוונה איז ער זאל ברענגען ארעמע קינדער מיט זייער מלמד, און ער זאל מיט זיי לערנען דארט קמץ אלף א, און די קינדער וועלן אים ניט קלאפען אין דער פלייצע, און מ׳וועט אים ניט קלייבען, ווארום זיי זיינען נאך פאר אכצען יאר, אדער פאר צוואנציג יאר, זיי קאנען קיינע וואוטערס ניט זיין, און דאס ווערט דער כי תבנה בית חדש, דעמאלט ווערט דאס דער חינוך הבית, און דערנאך קאן דאס ווערן א בנין עדי עד, ביז כפשוטו א בית מלא ברכת השם.

עס שטייט אין ספרי מוסר, און מען ברענגט בארוכה אין ספרי חסידות, אז די נשמה מיטן גוף איז דאס בדוגמא איש ואשה, ווי עס איז דא אין מפרשי התורה, ווי זיי זיינען מפרש דעם גאנצן סיפור פון יצירת האדם וחוה, ווי דאס איז איך גוף ונפש, איז יעדער טאג אינדערפרי שהחזרת בי נשמתי, הויבט זיך אן א חיי נישואין מחדש, אפילו ווי בא אים אליין, דער גוף באזונדער און די נשמה באזונדער, און שהחזרת בי נשמתי, דעמאלט איז דאס חיי נישואין.

— מ׳דערציילט אויפ׳ן ראגאטשאווער, עס איז דא צווישען זיינע חקירות א חקירה, דער שיעבוד פון דעם בעל וואס ער האט לאשתו, איז דא דער שיעבוד פון שארה כסותה ועונתה לא יגרע, האט ער געטראכט, צי דאס איז א ענין וואס ווערט נתחדש בכל רגע, אדער דאס איז געווען בשעת החופה, און דערנאך ווערט דאס נמשך.

ווי בא יעדער ענין אין תורה —וואס ביי אים איז דאס במיוחד בהדגשה— דארף מען גלייך האבן א מאי ביניהו, איז דער מאי ביניהו, בשעת נשא אשה שני׳ על אשתו ראשונה, אויב דער שעבוד שטאמט פון דדער ערשטער רגע פון דער חופה, איז שעבודה של. אשה ראשונה קודם לשעבוד של אשה שני׳, אויב אבער דאס איז א ענין וואס ווערט נתחדש בכל רגע, איז כ"ז עס איז נישטא קיין גט ח"ו, איז דאך בשוה דער שעבוד פון אשתו ראשונה מיט אשתו שני׳.

— דערציילט מען —

דערציילט מען -איך בין דערביי ניט געווען- אז ער האט זיך אמאל געטראפען מיט ר׳ חיים בריסקער, איז געווען צווישען זיך שני גדולים בכתר אחד, אין די רייד האט ער געזאגט די חקירה צו ר׳חיים בריסקער, זאגט אים ר׳ חיים בריסקער, מזל טוב אייך, וואס קומט מיר עפעס א מז"ט - פרעגט דער ראגאטשאווער-. זאגט ער -ר׳ חיים בריסקער- באך דער שעבוד אז דער שעבוד ווערט נתחדש בכל רגע האט איר דאך ערשט חתונה געהאט, א מזונן בשעת די חתונה זאגט מען אים מזל טוב.

דער שעבוד אבער פון שהחזרת בי נשמתי, די נישואין גייט דאך ארויס פון ספיקות אז דאס ווערט נתחדש בכל יום, וואס דעריבער זאגט דער מדרש דערויף, מ׳ לערנט דאס אפ פון פסוק חדשים לבקרים, במילא איז די נישואין וואס שהחזרת בי נשמתי איז די ערשטע התחלה ובחיבה בזה, איז ניט אז ער לויפט אוועק נאך כבוד, אז עס איז אויפגעשטאנען אן אדם גדול בישראל, און גיט מיר אפ כבוד דערפאר וואס איך בין א בן אברהם, יצחק ויעקב, און איך בין מוכן ומזומן לקיים מצות בוראי, נאר די ערשטע בחינה איז, אז ער ברייגנט אריין א קינד פון א צרויטן, וואס יענער קאן אים גארניט געבן, ווארום ער איז אן עני דלית לי׳ מגרמי׳ כלום, און ניט ער ברייגנט אים אריין צו זיך אין הויף אדער ער באצאלט געלט, א מ׳זאל לערנען ערגעץ וואו אין אנדערע ד׳ אמות, נאר מכניסו לתוך ביתו ולפנימיות ביתו, וואס דאס איז דאך דער חדר שבו נמצאים איש ואשתו.

און דארט ברייגגט ער דעם בן עני, אבי דאס איז פארבונדן מיט לימוד תורת השם, אויספירן דעם אויבערשטן׳ס רצון במילא טוט ער דאס בשמחה ובטוב לבב.

און דאס איז די הדרכה והוראה לכאו"א עד סוף כל הדורות,ווי באלד אז דאס ווערט נתפרסם פון א נשיא, וואס כל עניננו איז דאך פארבונדען מיט צאן מרעיתו.

ולא נפלאת היא ולא בשמים היא ולא מעבר לים היא, און ווי ער טייטשט אפ אין מדרש, אז אויבב ס׳ וואלט געווען מעבר לים ובשמים, וואלט מען געדארפט פארען מעבר לים און עולה זיין לרקיע, אויף דארטן צו נעמען, עס איז מערניט וואס בחסדי הבורא ה״ט ער געוואלט מאכן דאס קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו, און אזוי איז אין אלע פרטים של התורה ומצוותי׳, ביז מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש, וואס איז דאך אויך ניתן למשה מסיני, במילא איז אויך די הנהגה קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו, וואס אפילו אויב ס׳וואלט געווען א שווערע זאך וואלט מען אויך געדארפט מקיים זיין, נאר רצה הקב"ה לזכות את ישראל, אז יעדערער זאל קאנען צוקומען אן איבעריקע השתדלות ויגיעה, מערניט ע"י התבוננות קלה אין תכלית בריאותו,האט מען דאס אוועקגע״טעלט אין אן אופן אז דאס איז קרוב, און נאך קרוב מאד, מ׳דארף נאר מחליט ביין ביי זיך, וןאס דעמאלט איז דער רצון פועל אויפ׳ן שכל, אז ער געפינט אויף דערויף א הסברה בשכל, ביז וואנענט דאס קומט אראפ בהרגש שבלב, וואס ליבא פליג לכל קייפין, אז רגליך ירוצו אויף עניני מצות בכלל, און ענינים פון חינוך על טהרת הקדש במיוחד, אויף צו מחנך זיין זיך, ובני ובנות ישראל אין דעם ענין, אז אהבת ישראל און אהבת התורה און אהבת השם - ווי דער אלטער רבי זאגט; און ווי דער בעל ההילולא האט איבערגע׳חזר׳ט בשמו - חד הוא.

ד. (צוה לנגן, ואמר את המאמר ד"ה באתי לגני)

ה. בכלל איז דאך דער סדר, אז ןעם מאמר חסידות זאגט מען פאר דעם ווען עס איז דא א דיבור שקדמו, משא"כ לפעמים איז דער סדר

- ניט אזוי-

ניט אזוי, ובפרט ווי מ'האט געזען ביי רבותינו נשיאינו, איז ברוב הפעמים דער אמירת חסידות געווען אן הקדמת דברים לפני זה.

וואס אלעמאל האט דאס מיר ענג געמאכט, עס איז דאך ווי די גמרא זאגט, אז רבה האט געזאגט מילתא דבדיחותא ובדחי רבנן, און דערנאך האט ער זיי געזאגט א דבר תורה, וואס דאס איז ניט נאר א הנהגה פון רבה'ן, נאר דער אלטער רבי איז דאס מעתיק אין די הלכות, און ער ברייינגט דאס אויך-אראפ אין תניא, דארט וואו ער רעדט ווי אזוי פון די עניני הרשות זיינען עולה אין קדושה, דערמאנט ער אויך די דוגמא וואס רבה האט געזאגט א מילתא דבדיחותא ובדחי רבנן.

מ'געפינט עד"ז וואס עס ווערט דערציילט פון ר' עקיבא'ן, אז ראה שהציבור מתנמנם, האט ער געזאגט, אז ילדה אשה אחת ששים רבוא בכרס אחד, ממילא האט מען זיך אויפגעכאפט, האט ער דערנאך געזאגט, למה זכתה אסתר, דערפאר וואס זי איז געווען פון שרה'ן, וואס זי איז געווען מאה ועשרים ושבע שנים, דערפאר איז אסתר המלכה געווען א מלכה אויף קכ"ז מדינות.

וואס אעפ"י אז ביידע ענינים איז א דבר תורה, איז דאך אבער אין תורה גופא איז דאס בערך, אז דעם ענין וואס מ'זאגט אים גלייך איז העולם מתנמנם, -דא"ג, דאס איז א מקור אין תורה, וואס מ'שלאפט בשעת מ'הערט א דבר תורה פון ר"ע, איז דאך כולהו אליבא דר' עקיבא, א כלל אויף גאנץ תושבע"פ, איז דערפון אויך פארשטאנדיק, אז תלמידים, פון די וואס כולהו אליבא דר' עקיבא, פירן זיך ווי די וואס האבן געהערט תורה פון ר"ע, אז ביי' הציבור מתנמנם-.

וואס דער אמירת מילתא דבדיחותא, טייטשט דאך אפ דער אלטער רבי אין תניא, אז דאס איז בכדי לפקח דעתו ולפתוח לבו להשם לתורתו ולעבודתו, איז איידער עס איז דא דער לפקח דעתו, דעמאלט איז הציבור מתנמנם, און דערנאך האט ר"ע געזאגט אין תורה גופא, דער זאגן זיינער איז דאך אויך א חלק אין תושבע"פ, האט ער געזאגט אזא ענין וואס בערך אן ענין שלאחרי זה, איז דאס א מילתא דבדיחותא, דערפאר האט דאס גע'פועל'ט לפקח דעתו ללפתוח לבו.

וואס דערמיט קען מען אויך מבאר זיין א צווייטע תמי' וואס דער רבי דער בעל ההילולא האט דערציילט, אז מ'הט געפרעגט נאך ביי די פריערדיקע נשיאים, צוליב וואס דארף מען האבן דעם פאספארט. בשעת דער שווער האט דאס דערציילט, האב איך געפרעגט וואס הייסט דער"פאספארט"? האט מען געזאגט אז דער פאספארט האט מען אנגערופען דעם התחלת המאמר, וואס התחלת המאמר הויבט זיך אן מיט א פסוק ברובא דרובא, אדער מיט א מאמר רז"ל אין וועלכן מ'פרעגט א קשיא, אדער אמאל פארענטפערט מען גארניט די קשיא אויך, וואס דעם תוכן המאמר האט מען געקאנט האבן אפילו אן דעם התחלת הפסוק אדער מאמר רז"ל.

און מ'האט דאס אנגערופען בשם פאספארט, א פאספארט איז בכדי מ'זאל וויסן וועגן וואס פארא מענטשן מ'רעדט, אז מ'זאל ריידן וועגן דעם תוכן המאמר, איז רעדט זיך דער זעלבער ענין בכ"מ, בשעת מ'האט א התחלה, איז דעמאלט איז דאס דער ענין של פאספארט, האט מען געפרעגט, נאך וואס דארף מען האבן דעם פאספארט, מ'האט דאך געקענט גלייך אנפאנגען מבאר זיין דעם ענין וואס מ' וויל מבאר זיין.

ע"ד ווי א פאספארט איז א טפל בנוגע צו דעם גוף ועצם האדם, אזוי איז אויך בביאור ענין זה, אעפ"י וואס התחלת המאמר איז אויך א חלק פון דעם מאמר, א חלק פון דעם מאמר וואס ער איז דברי אלקים חיים, אבער בערך גוף המאמר איז דאס בדוגמא פון מילתא דבדיחותא.

- אבער דער-

אבער דער תירוץ איז ניט מספיק מצד שני ענינים.

ערשטענס, ס'איז דא אזעלכע מאמרים וואס הויבן זיך גלייך אן "להבין ענין", אן א פאספארט, אן הקדמה פסוק או מאמר רז"ל,

די צווייטע זאך פארוואס מ'קען אזוי ניט פארענטפערן, דער ענין וואס דער אלטער רבי ברייגנט אראפ אין תניא אז אמר מילתא דבדיחותא ברייגנט ער דאס אראפ אויף א דוגמא פון ק"נ, די זאכן וואס האבן א שייכות צו ק"נ, איז אויב מ'ניצט זיי אויס אין עבודת השם, איז דעמאלט עולים ונכללים בקדושה. און דערויף ברייגנט ער די דוגמא פריער פון רבא, וואס ער זאגט, אמר רבא חמרא וריחא פקחין, ענינים פון אכילה ושתי', וואס זיי זיינען דאך מצד עצמם דברים המותרים, אבער ניט ענינים של קדושה, מערבים דאס איז ענינים של ק"נ, וואס איז מעורבת טוב און היפך פון טוב.

און בשעת ער נוצט דאס אויס לפתוח לבו ולפקח דעתו בעבודה להשם לתורתו ולעבודתו, פועלט דאס אז דער ריחא ושמנא איז אויך עולה ונכלל בקדושה.

און די צווייטע דוגמא איז ניט אכו"ש הגוף, נאר אין א צווייטן אופן, וואס דאס איז דער ענין פון שכל, איז אויך אמר מילתא דבדיחותא, וואס דאס איז אויך מצ"ע ק"נ,, און וויבאלד אז ער האט דאס געזאגט כדי דערנאך זאל ער קאנען זאגן א דבר הלכה, איז דאס עולה ונכלל אין קדושה, און דאס איז ניט שייך זאגן אויף וואס פאר אן ענין אין תורה ס'זאל ניט זיין, ד.ה. ס'איז ניט שייכות צו זאגן אז דאס איז ק"נ, אפילו אן ענין דבדיחותא פון תורה, איז דאס אויך א חלק פון תורה, וואס דאס איז קדושה עצמה, און דאס איז וואס דער רמב"ם פסק'נט אפ, אז אחות לוטן תמנע, און אנכי הוי' אלקיך איז דאס בשוה בענין זה.

מוז מען דאך זאגן, אז דאס מיינט ער א מילתא דבדיחותא, אן ענין פון ק"נ.

וואס דאס איז א קשה הסברה וואס מ'האט געזען אז קודם אמירת המאמרים האט מען געזאגט א ניגון, וואס א ניגון מצ"ע קאן דאך זיין אין כמה אופנים, אויב אבער מ'זאגט אים בכדי דאס זאל מאכן דעם רגש הלב און פתיחת המוחין, וכידוע די רייד און דעם ביאור פון דעם אלט'ן רבי'ן בנוגע לניגונים כמובא בכ"מ אין די שיחות פון דעם בעל ההילולא, פועל' אויף דער ניגון די פתיחה אין מוח און אויך בנוגע צו פתיחה אין לב.

וואס דאס איז ע"ד ווי דארט איז געווען די מילתא דבדיחותא בדי לפקח דעתו ולפתוח לבו,, טוט מען דאס אויף ע"י הניגון, וואס דערמיט ווערט פארענטפערט פארוואס די הכנה למאמר חסידות איז מספיק אמירת ניגון.

אין דעם תניא איז אבער אויך דא נאך אן ענין וואס איז אויך נוגע לעניננו, סיי לאמירת חסידות, און סיי להלכה בכלל ווי דער אלטער רבי ברייגנט אראפ, וואס דאס איז דער פירוש הפשוט אין גמרא אז אמר מילתא דבדיחותא איידער ער האט געזאגט א שיעור אין נגלה, ווי ער ברענגט דאס דארט אראפ, אז דאס איז אן ענין וכן לדבר הלכה.

וואס בנוגע לענינ"נו איז דאך נוגע נאך אן ענין, דער ענין פון אמירת תורה בכלל, און אמירת פנימיות התורה -חסידות במיוחד, וואס דעמאלט דארף זיין דער תלמיד שפתותיו נוטפות מר, און מקבל זיין מצד הביטול שלו, און פאר דעם דארף זיין ווי די גמרא זאגט דארט, אז קודם לזה איז די מילתא דבדיחותא, דער היפך שבדבר, וואס

- אין דערויף-

אין דערויף קאן מען דאך זאגן חילוקים, אז בד"א אויב דאס איז תורה וואס ער לערנט לעצמו, און ער דארף עפענען זיין דעת און זיין לב, דארף ער האבן דעם ענין פון מילתא דבדיחותא, און אין דערויף איז דא צוויי אופנים שונים, בהקדם נאך א תמי׳ וואס איז דא אין דעם תניא.

אין תניא ברייננגט ער אראפ אויף מילתא דבדיחותא, אמר רבא, אין דער גירסא ביי אונז אין ש"ס און אין עין יעקב איז אמר רבה, און אין די אלע דפוסים וואס ס׳איז דא פון תניא, שטייט אומעטום אמר רבא, מיט אן אל"ף, ביז וואנענט איך האב געזוכט, האב איך געפונען אז אין ילקוט שמעוני אין מלכים ווערט אראפגעבראכט די גירסא אמר רבא, מיט אן אל"ף. דערנאך איז די גמרא געבראכט אין פסחים וואס דארט איז דא דער פירוש רבינו חננאל ברייננגט ער אויך אראפ א גירסא פון רבא.

דאס אבער פארענטפערט ניט קיין קשיא, בשעת דער אלטער רבי ברייננגט אראפ אן ענין דארף ער ניט אראפברייננגען פון א פארדווארפענע גירסא, בשעת אז אומעטום שטייט רבה, ובפרט אז בנוגע להלכה איז, בשעת ס׳איז דא א חילוק צווישען ש"ס און מדרש, אדער ווי דא איז, צווישען ש"ס און ילקוט שמעוני, איז דאך אע"פ וואס אלו ואלו דא"ח, אבער בשעת מ׳דארף אראפברייננגען איין גירסא, דארף מען אראפברייננגען ווי עס שטייט אין ש"ס, ניט ווי אין מדרש.

אפילו לפי גירסת רבנו חננאל אין פסחים, איז בשעת ס׳איז דא די גירסא אין רוב ספרים סיי אין ש"ס, און סיי אין עין יעקב, איז דאס בדוגמא ווי עס ווערט געבראכט אין מסכתות קטנות, אז עס איז געווען וואס מ׳האט געפונען גירסות אין תושב"כ, וואס אין שני ספרים איז געווען געשריבען זאטוטי, אין אזא מין אופן, און אין אנדערע ספרים אין אן אנדער אופן, האט מען געשריבען מיט אן אל"ף ווי עס שטייט אין די שני ספרים, ניט ווי אין ספר אחד.

אזוי אויך בשעת אז אין רוב הספרים שטייט רבה, מיט א ה"א, האט דאך דער אלטער רבי אויך געדארפט ברייננגען רבה מיט א ה"א, וואס האט ער איבערגעשטעלט און אוועקגעשטעלט די גירסא רבא, מיט אן אל"ף.

נאך אן ענין וואס דא איז; וויבאלד אז אלו ואלו דא"ח, איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז סיי רבה האט אזוי געטאן, און סיי רבא האט אזוי געטאן, ווארום עס קען דאך ניט זיין קיין פלוגתא אין מציאות. איז דאך ממ"נ, אדער די גמרא האט געדארפט ברייננגען בידע, אפילו אויב די גמרא האט זיך פארלאזן אויפ׳ן מדרש, און דער מדרש אויפ׳ן גמרא להשלים, איז אבער ניט פארשטאנדיק פארוואס דער אלטער רבי האט אויסגעקליבען רבא, די גירסא מיט אן אל"ף.

נאך מער איז ניט פארשטאנדיק, וויבאלד אז דער אלטער רבי האט אויסגעקליבן די גירסא מיט אן אל"ף, איז דאך די משמעות אז צו אמר מילתא דבדיחותא ובדחי רבנן איז דאס שייכות צו עבודת רבא מיט אן אל"ף, הייגט ווי קומט דאס אז אין ש"ס שטייט אז דאס איז געווען שייך צו רבה מיט א ה"א.

דעם ענין וועט מען פארשטיין בהקדם א קושיא בכלל הענין, נאך דעם וואס די גמרא זאגט דעם פס"ד אז לדבר הלכה דארף מען האבן אן ענין של שמחה, און א שמחה בפועל, איז וואס איז מוסיף דער סיפור, אז רבה האט געזאגט א מילתא דבדיחותא ובדחי רבנן, און דערנאך האט ער געזאגט די הלכה אויף דעם פס"ד ההלכה שקודם לזה. ווען עס וואלט געווען אין דערויף אן ענין של פלוגתא או ספק, דארף מען אראפ ברייננגען נוסף אויף דעם פס"ד, אז ס׳איז נאך דא א

מעשה רב, מ'געפינט נים אין דעם קיין פלוגתות, עס איז לכאורה ניטא אין דערויף קיין ספיקות, איז וואס איז מוסיף דער סיפור פון אמר רבה, מיט א ה"א, אדער אמר רבא, מיט אן אל"ף, אויף דעם ענין פון די הלכה אליין ווי עס שטייט פריער.

און דא זעט מען אויף וויפיל דער אלטער רבי האט מדייק געווען אין תניא, נים נאר אויף א ווארט נאר אויך אויף אן אות.

דער חילוק פון רבא און רבה איז, צו מ'שטעלט מיט אן אל"ף צו מ'שטעלט מיט א ה"א, וואס אזוי איז דאך דער סדר אין תורת הנגלה פון אלו ואלו דא"ח, משא"כ אין אילנא דחיי, וואס לית תמן מחלוקת ברייננט מען אראפ איין ענין.

וואס דעריבער אין תניא, אפילו אין די ענינים וואס עס איז געווען סברות לכאן ולכאן, האט דער אלטער רבי נים אראפגעבראכט אזא גירסא און אזא גירסא, נאר ער האט געשטעלט איין גירסא אין וועלכן ער האט בוחר געווען און אזוי בלייבט דער פס"ד לפועל.

ביז וואנענט אז כידוע דער סיפור וואס דער בעל ההילולא האט דערציילט אז דער אלטער רבי האט געזאגט לאחיו מהרי"ל מיאנאוויטש, אז זעקס וואכן צייט האט ער זיך מתבונן געווען אויף א וא"ו וואו אין תניא,ובדוגמת וואס עס שטייט אין תניא, ראשית העבודה ועיקרה ושרשה אדער עיקרה ושרשה, צו דאס זאל שטיין מיט א וא"ו אדער אן א וא"ו.

וואס וויבאלד אז דער אלטער רבי בשכלו הגדול האט געדארפט אין דערויף מעיין זיין זעקס וואכן נאך אבאנד, איז דאך א סימן אז ס'איז דא סברות חזקות לשני הענינים, האט ער דאך געקענט שטעלן ביידע גירסות, במילא וואלט געווען א מקום לשני הסברות, ווי זיי האבן געהאט אן ארט אין שכל דקדושה בדרגא העליונה ווי דאס איז געווען ביי דעם אלטען רבי'ן, איז דערפון פארשטאנדיק, אז ער האט געוואלט ארויסגעבן די מסקנא און פס"ד אין אן אופן וואס דאס איז חד משמעות אין אן אופן מבורר.

וואס דערפאר האט ער געהארעוועט זעקס וואכן, ביז וואנענט עס איז געווארען קלאר צי מיט א וא"ו, צי אן א וא"ו.

און דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז אין תורת הנגלה ווערט אראפגעבראכט ביידע גירסאות, סיי אמר רבה, סיי אמר רבא, דער אלטער רבי האט בוחר געווען די גירסא וואס איז נוגע לענינו.

וואס איז דער חילוק פון רבה און רבא, און וואס איז ער מוסיף אויף דעם עצם ההלכה דורך דעם סיפור המעשה, וואס די הלכה איז דאך אז מ'דארף לערנען תורה מתוך שמחה, דארף מען אויפטאן ביי זיך שמחה, און בשעת מ'לערנט מיט תלמידים, איז דא שטעלט זיך א ספק אז דער וואס לא פסיק פומי' מגירסא, ער זאל מפסיק זיין מלימוד התורה שלו וועו ער לערנט מיט תלמידים בכדי עס זאל זיין ביי די תלמידים לפקח דעתם ולפתוח לבם, וואס צוליב דעם דארף ער זאגן א מילתא דבדיחותא, וואס בשעת ער זאגט די מילתא דבדיחותא קאן ער נים זאגן בשעת מעשה אויך א דבר תורה.

וואס לכאורה קאן מען דאך זוכן אנדערע וועגן ווי דער תלמיד זאל האבן דעם מילתא דבדיחותא ובדחי רבנן, דער תלמיד זאל שטיין אין א תנועה פון שמחה, און ער זאל דערפון - לא פסיק פומי' מגירסא, זאל ער מפסיק זיין כדי צו זאגן א מילתא דבדיחותא ובדחי רבנן-תלמידיו ?

און דאס איז דער חידוש וואס די גמרא איז מחדש, פריער איז דא דער פס"ד אז צו א דבר הלכה דארף מען צוגיין מתוך שמחה, וואס

- דערפון -

דערפון איז פארשטאנדיק אז דער תכלית הרב ומלמד את תלמידו, אז דער תלמיד זאל מקבל זיין פון אים דעם דבר הלכה, דארף ער טאן די אלע ענינים אז דער תלמיד זאל ווערן בשמחה.

עס בלייבט נאך אלץ דער ספק, בד"א ווען ער איז ניט מפסיק בלא"ה, ניט תורתו אומנתו, איז ער דאך מפסיק בלא"ה, וואס דעריבער איז ער אויך מפסיק לתפלה, און דערפאר איז ער אויך מפסיק אויף צו זאגן א מילתא דבדיחותא ובדחי רבנן - תלמידיו.

בשעת אבער עס איז געווען רבה, וואס דער אלטער רבי ברענגט אראפ דרגת רבה גלייך אין אנהויב פון תניא, אז לא פסיק פומי' מגירסא איז דא בלייבט נאך דער ספק, צו ער דארף אליין זיך משתדל זיין אין אמר מילתא דבדיחותא, אדער דאס וועט טאן אן אנדערער, און ער זאל ניט מפסיק זיין מגירסתו, לערנען תורה פריער מיט זיך, און בשעת די תלמידים וועלן שוין שטיין אין א תנועה פון שמחה, וועט ער זיי זאגן דעם שיעור.

און דאס איז די גמרא מחדש, אז אפילו רבה וואס לא פסיק פומי' מגירסא, האט ער זיך ניט פארלאזט אויף אן אנדערן, וויבאלד דאס איז זיין תלמיד, אפילו אז ער שרייט מאין לי בשר, וואס האט ער פאר א שייכות צו דרגת בשר, דאס איז אתפשטותא דמשה וואס דארף צוקומען צו א אידן דורך אן אנדערן, ענטפערט מען אים, אז וויבאלד אז דאס איז זיינע תלמידים, דאס איז זיין דור, איז אפילו דער בשר דארף אויך גיין דורך משה, נאר וואס דען, עס דארף דורכגיין דורך השתלשלות.

ועד"ז בא רבה בנוגע לתלמידיו, וואס אזוי איז עבודתו געווען לא פסיק פומי' מגירסא, פסקנ'ט אפ די גמרא ע"י סיפור זה, אז די הוראה בזה איז, אז דעמאלט האט ער מפסיק געווען מתורתו און האט געזאגט דעם מילתא דבדיחותא, וואדום דאס זיינען זיינע תלמידים.

ס'איז דא נאך א צווייטער ענין, ווי איז דער ענין ביי אזא מין לימוד התורה וואס דער לימוד אליין ברענגט שמחה, וואס דא שטעלט זיך דער ספק, מ'דארף האבן די הכנה מ'זאל זיין שמח, און דער-נאך שפתותיו נוטפות מר און ער איז מקבל דעם לימוד, בשעת אבער אזא מין לימוד וואס דער לימוד אליין ברענגט שמחה, איז דא א מקום לומר, אז הקדמת השמחה דארף ניט זיין, ער וועט אנהויבן לערנען במצבו הוא, און דערנאך פון דעם לימוד וועט דאס ביי אים אויפטאן די שמחה.

און דאס איז געווען דער אופן הלימוד פון רבא'ן, וואס אויף רבא'ן זאגט די גמרא אין ב"ב אז מ'האט געזאגט: "עד דגרמיתו גרמי בי אביי תו אכלו בשרא שמינא בי רבא", וואס כללות תושבע"פ, איז דאך אוועקגעשטעלט געווארן, דבר קטן זה הוויות דאביי ורבא, וואס דאס איז כולל כל עניני תושבע"פ, וואס דאס איז, דבר גדול מעשה מרכבה, און דבר קטן הוויות דאביי ורבא, איז דאס אין דעם דבר קטן שני סוגים: עס איז דא מגרמיתו גרמי בי אביי, אזא לימוד וואס איז ניט ווי ער זאגט פריער אין תניא ריחנא ושמנא, וואס זיי זיינען פותח את הלב ואת הדעת, נאר וואס דען, דאס איז מגרמיתו גרמי, דער פלפול, אבער, וואס איז משמח את הלב, איז געווען ביי דעם לימוד פון רבא וואס דאס איז אכלו בשרא שמינא, וואס בשר שמן פועל'ט, ווי ער ברענגט אראפ אין תניא בהמשך למילתא דבדיחותא, אז דאס וואס מילתא דבדיחותא אין דיבור פועל'ט דאס בשר שמן, אין שמחה אלא בבשר, וואס אין תורה איז דאס אכלו בשרא שמינא בי רבא.

וואס דאס איז אין דעם צווייטן ארט אין גירסת רבנו חננאל, אין פסחים, און אין מדרש ווערט נפתר דער ספק אויך, אז אפילו אויב ער

- גייט לערנען -

גייט לערנען ניט למיגרס, ניט מגרמיתו גרמי, נאר ער גייט לערנען לימוד התורה אין אן אופן פון בירא שמינא, איז אויך רבא אמר מילתא דבדיחותא און ערשט דערנאך איז געווען אכלו בחרא שמינא.

דערפאר איז דא ביידע סיפורים, וואס יעדער סיפור באזונדער איז א הלכה נוסבת אויף דעם עיקר ההלכה, אז וכן לדבר הלכה דארף זיין מתוך שמחה.

דער ש"ס וואס דאס איז דאך תושבע"פ בכללותה וואס איז געזאגט געווארען פאר כל ישראל פון תחלת הדורות ביז סוף כל הדורות, וואס דעמאלט איז אויך געווען די וואס תורתם אומנתם, וואס דאס איז געווען רבה, מיט א ה"א, וביו"ב, דעמאלט איז אויך נוגע דער פסק הלכה ווי דארף זיך אויפפירן א איד וואס ער שטייט אין א מעמד ומצב פון רבה, לא פסיק פומי' מגירסא, דערפאר וואס תורתו אומנתו.

דעריבער איז אין ש"ס דא סיי דער סיפור פון רבא, סיי דער סיפור פון רבה.

בשעת דער אלטער רבי שרייבט א ספר של בינונים, ניט פון צדיקים, און ער שרייבט דאס פאר די וואס מ'דארף זוכן א וועג קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו, ווי דער אלטער רבי טייטשט אין דערויף אפ דעם לעשותו, אז לכה"פ בנוגע צו עשי' בפועל, איז בכללות ווי עס ווערט אראפגעבראכט אין פוסקים, איז דער ענין פון תורתו אומנתו בדורותינו אלו, איז ניטא, אדער כמעט ניטא, עאכו"כ מדת בינונים ווי דער אלטער רבי שרייבט אז דאס איז מדת כל אדם, ואחרי' כל אדם ימשוך, און דאס איז מען משביע כאו"א אל תהי רשע אפילו אז ער איז ניט אין דעם אופן פון תהי צדיק, נאר וואס דען בינוני, במילא איז דער פס"ד פון רבה'ן ווי עס איז דער לא פסיק פומי' מגירסא, ווי ער דארף זיך פירן, דאס איז ניט אזוי נוגע אין ספר של בינונים.

עאכו"כ בשעת ער רעדט אין אופן העבודה פון ק"ב, וואס בשעת רבה האט געוואלט זאגן כגון אנא בינוני, ווי דער אלטער רבי ברענגט אראפ גלייך בהתחלה, אמר אביי לא שביק מר חיי לכל ברי', ער איז העכער פון בינוני, ווער רעדט נאך ווי עס רעדט זיך אין פרק דעם המשך העניני' אזא מין עבודה וואס עס קאן זיין אדער חוב אדער רע, דעמאלט איז ניט נוגע וויסן ווי איז די הנהגה פון לא פסיק פומי' מגירסא וואס דאס איז די הנהגה פון רבה, ווארום רבה איז העכער פון בינוני, איז דא ניט נוגע אראפברענגען דעם ענין, נאר וואס פאר אן ענין אין תקרה ער קומט ניט צוגיין לערנען, איז ע"ד ווי עס דארף זיין דער שמנא וריחנא, אזוי דארף זיין דעה אמר מילתא דבדיחותא, ווארום אפילו רבא וואס זיין לימוד תורה לתלמידיו איז דאך געווען זיין אן אופן פון אכלו בחרא שמינא, וואס בשר סמן איז דאס וואס ברענגט אריין שמחה באדם, דארף אויך פריער זיין דער ענין פון אמר מילתא דבדיחותא.

דאס דערפאר ברענגט אראפ דער אלטער רבי <u>דוקא</u> די גירסא אמר רבא וואס דאס איז נוגע לעבודתינו.

וואס דאס איז אויך בנוגע לאמירת מאמר חסידות, וואס כוונתו איז דאך אז דאס זאל מביא זיין טבע כדותיו, איז דאך לכאורה ניט פארשטאנדיק, וואס איז די נפק"מ ווי ער וועט צוגיין הערן דעם מאמר, עאכו"כ זאגן דעם מאמר, וויבאלד אז דער מאמר אליין איז דאך הלא כה דבר, כאש (חסר קצת).

רבא איידער ער האט גע-לערנט בחרא שמינא מיט תלמידיו האט ער אליין געזאגט א מילתא דבדיחותא, ביז וואנעטס אז עס איז געווארן -ובדחי רבנן -

ובדחי רבנן, וואס די הכנה האט אויפגעטאן דעם לפקח דעתו ולפתוח לבו און דערנאך קען מען זיך פארבינדן ווי ער איז מסיים לב׳ ולתורתו ולעבודתו.

און דאס איז דער ביאור בדרך אפשר,ביידע ענינים וואס דער אלטער רבי ברייגנגט אראפ, ניט דעם פסק הלכה נאר דעם סיפור, און ברייגנגט ארויס ניט די גירסא וואס שטייט אין רוב הספרים, נאר די גירסא וואס שטייט אין איינצעלנע ערטער, ווארום דאס איז נוגע צו דער עבודה וואס מ׳דארף באווארענען בא דעם אידן וואס מ׳דארף אים באווארענען ער זאל ניט גיין אין רע, נאר ער זאל גיין אין טוב, ובדורותינו אלו, ובפרט אין דרגות בינונים, און הלואי בינונים, וואס דעמאלט איז נוגע די באווארעניש אמר רבא, און ניט אזוי די באווארעניש אמר רבה.

דאס גיט אויך א ביאור, אז צוזאמען דערמיט וואס מ׳האט אנגעזאגט ובפרט בדור זה, אז עס דארף זיין יפוצו מעיינותיך חוצה, און אעפ"כ מאנט מען אז די וואס זיינען זיך אין דערויף מתעסק ניט גלייך ארייננשפרינגען צו דער ארבעט, און ער וויל מיט זיך גארניט טאן, אז עס דארף זיין מיט זיך אליין א הכנה, און אויך מכין זיין דעם שומע לכה"פ, אז אלץ וואס היינגט אפ אין אים זאל ער אויפטאן אין דעם שומע, אז ער זאל קולט זיין דעם ענין המעיינות, אעפ"י וואס עס רעדט זיך אז דער ענין אליין קאן אים איבערארבעטן, ווראום דאס איז בישרא שמינא, איז דאס די הוראה, אז קודם לזה דארף זיין אן ענין של שמחה של מצוה, וואס דאס וועט מפקח זיין דעתו, און פותח זיין לבו, און דורך דערויף וועט ער מיחד זיין להוי׳ לתורתו ולעבודתו.

ו. מ׳האט דאך גערעדט וועגן דעם ספר המאמרים תש"א (בהתוועדות ש"ק) און ספר השיחות תש"א וואס האט זיך אפגעדרוקט צו יו"ד שבט.

אין די שיחות איז אויך דא א שיחה וואס דער רבי רעדט דארטן ארום דעם ענין פון פערצן יאר, וואס אין תש"א איז געווען פערצן יאר מעת השחרור שלו, גיענדיקט זיך די פערצן יאר, האט ער דעמאלט געזאגט אין די שיחה, אז איצטער איז פערצן יאר, ביז איצטער איז געווען יד החזקה און איצטער הויבט זיך אן יד הגדולה, און איז דארט מבאר אז די יד הגדולה איז דאס וואס איז געווען ביי קרי"ס, וואס דארטן איז דאך געווען די יד הגדולה אשר עשה הוי׳ במצרים, און איז מסביר הזה אז אעפ"י וואס זייענדיק אין מצרים איז אויך געווען נסים ומופתים, והפלה הוי׳, איז אעפ"כ האט מען דאס אנגעטאן אין טבעיות.

און דעריבער האט דאך פרעה גע׳טענה׳ט אז לא ידעתי את הוי׳, ער האט געוואוסט מערניט ווי פון שם אלקים, האלקים יענה את שלום פרעה, וע"ד ווי עס איז אויך געווען ביי אבימלך׳ן, אזוי ברייננגט ער אראפ אין די שמחה, וואס אבימלך רעדט זיך אין קבלה מדריגות נעלות, און אעפ"כ האט ער געוואוסט מערניט פון שם אלקים, ניט פון שם הוי׳.

דערפאר איז קיין סתירה ניט, עס קאן זיין נסים ווי ס׳איז געווען אין מצרים, וואס אפילו חרטומי מצרים האבן דאס אויך געזען אז דאס איז ניט בכח הנברא, אצבע מלמעלה, אבער וואס פאר א אצבא איז דאס, אצבע אלקים, אין אלקות נעמט מערניט ווי אלקים, משא"כ בשעת קרי"ס, והיד הגדולה אשר עשה הוי׳, דעמאלט האט מען דערזעהן דעם ענין פון הוי׳, געטליכקייט, ניט ווי דאס איז אנגעטאן אין טבעיות.

וואס דאס איז אויך כפשוטו דער ביאור, עס איז דאך בחוזק יד הוציאנו הוי׳ ממצרים ביד חזקה ובזרוע נטוי׳, איז דאס מערניט ווי ביד חזקה, דאס איז ניט יד הגדולה, וואס גדול הוי׳, איז אמת טאקע דאס איז וועגן בעיר אלקינו, אבער וואו זעט מען יד הגדולה, דעמאלט ווען מ׳דערזעט הוי׳, משא"כ ביי יד החזקה קאן ער בלייבן לא ידעתי

את הוי׳, מערניט ווי האלקים יענה את שלום, עס איז א ברכה בריבוי, ביז וואנענט הנילום עולה כנגדו, ביז וואנענט ער איז דאך געווען א מושל בכיפה, ווי די מדרשים דערציילן, און אעפ"כ איז דאס אלץ ווי האלקים יענה, ער זעט נים דעם ענין פון הוי׳.

וואס איז דער חילוק כפשוטו פון אלקים והוי׳, אלקים איז מלשון כח, ווי ער ברייננט אראפ אין שו"ע אין פירוש הברכות, דאס איז אבער אלץ כחות ווי זיי זיינען מקבל שינוי והתפעלות והתערבות וכו׳ וכו׳ נים קדוש ומובדל, וואס אויף דערויף איז אין קדוש כהוי׳, הוי׳ איז הי׳ הוה ויהי׳ כאחד, ווי דאס איז אין זמן, איז דעמאלט דא די גדרים פון עבר הוה עתיד, למעלה מהזמן איז דער גאנצער ענין ניטא, איז נים שייכות זאגן כאחד, ווי דער אור איז עובר על הזכוכית איז דעמאלט איז ער אדומה ירוקה ולבנה, דער הי׳ הוה ויהי׳ איז דאס כאחד.

און דאס האט מען נים געזען אין די ערשטע פערצן יאר, אעפ"י וואס דאס איז יד החזקה, ווי דער רבי האט געזאגט יעמאלט אין דער שיחה, דעמאלט הויבט זיך אן דער יד הגדולה.

וואס דער רבי האט נים מפרש געווען וואס איז בנוגע לעבודתינו לפועל אנו, וואס דארף זיין עבודתינו אין די פערצן יאר, אנהייבנדיק פון תש"א, ועד"ז איז צדיקא דאתפטר אשתכח בכולהו עלמין יתיר מבחיוהי, און אעפי"כ איז דאך בכל יארצייט והילולא איז ער דאך עולה מדרגא לדרגא וכמבואר בקבלה, וואס עס איז אויך מוכרח ע"פי נגלה, וואס לכאורה איז נים פארשטאנדיק וואס האט א שייכות אמירת קדיש לאחרי י"ב חדש,ובפרט נאך עפ"י הפס"ד אז מער דווי י"א חודש דארף מען נים זאגן, איז דאך אינגאנצן נים פאשטאנדיק, אין דעם צווייטן יארצייט לאחרי י"ב חדש, ווי איז שייכות און וואס איז דער ענין פון אמירת הקדיש להצילו מעונשו.

ועאכו"כ ווען דאס רעדט זיך אין יום הילולא פון א צדיק אויף וועלכן מ"זאגט אז גלייך ווי איתפטר איז שוין אשתכח יתיר מבחיוהי ובכולהו עלמין, שטייט דערויף דער ביאור, אז אמירת הקדיש לאחרי י"ב חדש לכל אדם ועאכו"כ בצדיק, וואס קדיש איז דאך עניגו אז דאס איז לעילא ולעילא וואס דערפאר איז דארט דא מ"ב אותיות, וואס דאס איז דער שם מ"ב, דורך וועלכן עס זיינען אלע עליות, אזוי ווי ביום היארצייט איז די נשמה עולה אין קדושה אליין מדרגא לדרגא, אין ג"ע אליין, איז די עלי" טוט זיך אויף ע"י שם מ"ב, וואס דאס איז דער אמירת קדיש מיום ההילולא.

דערפון איז אויך פארשטאנדיק אז עס איז דא די שנים שלאחרי פטירת הצדיק, איז ־־יך בכל שנה ושנה דא די עלי׳ פון דעם רישא, און דערנאך איז גופא בתר רישא אזיל, די אלע וואס גייען בדרכיו אשר הורנו ונלכה באורחותיו נס"ו, ווי דער לשון אין אגה"ק סימן ז"ך. וואס דעמאלט איז גופא בתר רישא אזיל אויך אין א העכערע דרגא.

אחן דא איז מבאר דער מאמר בעל ההילולא, אז י"ד שנים, פערצן יאר,איז בגימטריא יד, און די ערשטע פערצן יאר איז אן ענין פון יד החזקה, און דערנאך איז דאס אן ענין פון יד הגדולה. און איז מסביר בנוגע לחיים חיתו בעלמא דין, אז נסים ואותות ומופתים זעט מען, און אעפ"כ איז לא נגע ולא פגע, עס איז האלקים יענה את שלום פרעה, וואס ער איז געווען דער מלך פון ערות הארץ.

און מ׳דארף האבן עס זאל זיין דער יד הגדולה, וואס דאס איז א אפשריות מיוחדת, בשעת מ׳גייט דורך דעם ענין פון יד החזקה,

-און ער איז מסביר-

און ער איז מסביר, אז ווען ווערט יד הגדולה, איז דאס ביי קריעת ים סוף, וירא ישראל את היד הגדולה, וואס דאס האט אויך פועל געווען אז מ'האט פארשטאנען דאס וואס עס איז געווען פריער. אז עס איז ניט געווען האלקים יענה, נאר דאס אויך איז געווען פון הוי'. וואס כמדובר אין דעם פריערדיקן פארבריינגען (דיום ש"ק), אז דער ענין פון קרי"ס איז די עבודה פון מס"נ, אפילו העכער פון חכמה ושכל דקדושה.

וואס דערמיט איז פארשטאנדיק די פלא הכי גדול, אז בשעת דער אויבערשטער האט געזאגט דבר אל בני ישראל ויסעו, איז געווען משה ואהרן ושבעים זקנים, און ווער איז געשפרונגען אין ים, דער נשיא פון שבט יהודה, וואס דאס גופא איז ניט פארשטאנדיק בשנים: א)ווי קומט דאס אז משה רבינו אליין איז ניט געשפרונגען. ב) ווי קומט עס אז נחשון בן עמינדב איז געווען בדוגמת מורה הלכה בפני רבו, בשעת עס איז געווען די הלכה, דבר אל בנ"י ויסעו, איז ער געשפרונגען בפני רבו, פון משה רבינו.

נאר דאס איז די עבודה מצד מס"נ, ער גייט ניט אריין אין קיינע חשבונות, ווי נאר ער דערהערט דעם ציווי פון הקב"ה, איז ער אים שוין מקיים, ער האט געהערט ויסעו איז ער שוין געשפרונגען, וואס דאס קאן זיין דווקא מצד מס"נ, אפ'לו ניט מצד חכמה, אפילו ניט מצד אזא חכמה וואס זי קאן אים ברייננן צו מס"נ.

וויבאלד אז אויף משה'ן שטייט, אז ער איז געווען דער עניו מכל האדם אשר על פני האדמה, ווי דער אלטער רבי איז דאס מבאר, אז ער איז נתפעל געווארען און איז געווען ביי זיך אראפגעפאלען מצד די עבודה במס"נ, ווארום ענינו הוא איז געווען מצד החכמה, וואס איז מדריגת משה, אמת טאקע חכמה, כח מ"ה, חכמה דקדושה בתכלית העילוי, צבער במקום גדולים אל תעמוד,עס איז דא נאך א העכערע עבודה, וואס דאס איז העכער אפילו פון כח מ"ה בדרגא הכי נעלית, וואס דאס איז דער ענין פון מס"נ, כמבואר אין דעם המשך דעם ענין פון דעם אופר ווי ער זאגט איז תניא אז דאס איז יר"ש, וואס דאס דארף זיין כמטמונים, און פון דארטן דארף מען דאס זוכן, דאס איז אפילו ווען חכמה איז בגלוי, דאס איז אבער ניט קיין ראי' אז עס איז דא דער יד הגדולה, דער במקום גדולים.

וואס דערמיט איז פארשטאנדיק ווי נחשון וואס עבודתו איז געווען ווי שבט יהודה, וואס ער איז געווען דער נשיא שלה, וואס שבט יהודה איז ווי ער זאגט ויחי יעקב בארץ מצרים דווקא, עבודת יהודה איז ותעמוד, דער ענין פון הפעם אודה את הוי', ניט מצד ראי' דראובן, ניט מצד שמיעה דשמעון, אפילו ניט מצד לוי, לויתן, ילוה אישי אלי,. וואס קרבת אלקים טוב, און לי טוב, נאר מצד דערויף וואס דאס איז אן ענין פון הודאה, מודים חכמים לר"מ, אעפ"י וואס ביי אים קאן זיך לייגן אנדערש, איז דאס אים אינגאנצן ניט נוגע, דעמאלט איז ניטא דער גאנצער ענין פון חשבון, ער דערהערט דבר הוי', דבר אל בנ"י ויסעו, שפרינגט ער אין ים.

און דורך דערויף דערזעט מען דעם יד הגדולה מלמעלה:אויך. ניט מ'נעמט דאס בחכמה ושכל, אפילו חכמה ושכל דקדושה קאן דאס זיין יד החזקה, ביז וואנענט אז דאס קאן צוטראגן אז אלקים, דער מגן, ניט הוי' הוה ויהי' כאחד, עס איז דא דער יד הגדולה דער במקום גדולים, אז דאס ווערט נתגלה ע"י עבודה דקרי"ס, אז ער שפרינגט אין ים מצד מס"נ, וויבאלד ער ווייס אז דאס איז דער רצון הבורא אן קיינע חשבונות, צי דאס איז מורה הלכה בפני רבו וכיו"ב, ער האט דערהערט ויסעו, איז ער ארייגעשפרונגען אין ים.

דעמאלט טוט מען אויף, אז דער ענין פון קרי"ס איז ניט באר אז

– מ'ווערט ניט –

מ׳ווערט ניט נתפעל פון וועלט, און מ׳גייט זיך זיין וועג, און די וועלט גייט זיך איר וועג, נאר מ׳נעמט אין וועלט דעם ענין וואס, ער איז מפסיק צווישען אים און הר סיני, דער ענין וואס ווייזט אים אריין א ספק אז אפשר איז ניתנה ראה ונשובה מצרימה, אפילו די וואס האבן ניט געטראכט וועגן מצרים, איז אבער געווען א סברא אז מ׳זאל גיין אין מדבר פון נחש שרף ועקרב, איז דער ענין אין וועלט ווערט ניט נאר אויס מונע ומעכב, נאר אדרבה, דאס ווערט מסייע אויף קבלת התורה וואס דאס איז חכמתו ורצונו של הקב"ה; כמבואר אז דער ענין פון קרי"ס איז דאס געווארען דורך דערויף וואס דער ים האט זיך געפאלטען, דאס איז געווארען די הכנה צו קבלת התורה.

וואס דאס איז אויך דער לימוד פון דער שיחה וואס האט זיך איצטער אפגעדרוקט, אז ווי עס איז ניט געווען די פערצן יאר, וואס געווען איז דא אזוינע, ובכל אופן איינער, וכו׳ וכו׳ וואס איז נאך ניט צוגעקומען צו יד הגבולה, איז איצטער הויבט זיך אן ווי דער רבי דער בעל ההילולא האט אויף זיך אפ׳גע׳פסקנ׳ט, אז עס הויבט זיך אן נאך דער יד החזקה דער יד הגדולה, אז מ׳זאל דערזען אשר עשה הוי׳, ווי אזוי וועלט ווערט אויס וועלט, אבער דאס ווערט ניט אויס מציאות, נאר דאס ווערט אזא מין מציאות, ע"ד ווי אין קרי"ס, אז דעמאלט האט מען געגעבן די פירות שבמחו בים.

און דאס האט געגעבן די הכנת הנפש אז מה שבהעלם זאל ווערן בגלוי, און מה שבהעלם זאל נתעלה ווערן בהעלם, אז מ׳נעמט פון מונע ומעכב פון וועלט און מ׳מאכט דערפון א הכנה והכשר צו קבלת התורה פון אנכי הוי׳ אלקיך ביז אשר לרעך, וואס דאס איז כולל די תר"ך עמודי אור, וואס דערפאר איז דא תר"ט אותיות פון אנכי הוי׳ אלקיך ביז אשר לרעך, וואס ענינם איז, ווי ער איז מבאר אין דעם המשך פון הילולא, אז דאס איז בדוגמת אן עמוד וואס ער איז מחבר ומאחד דעם מעלה מעלה מיט דעם מטה מטה, און ווי דאס איז מבואר אין קבלה אין תפחת ר׳ נחוניא בן הקנה, תר"כ עמודי אור, איז דאס אותיות כתר, וואס דאס איז מקום גדו לים נאך העכער פון חכמה.

און דורך דערויף וואס ער שטעלט אוועק עבודתו העכער פון כח החכמה והשכל דקדושה שבנפשו, ווי מצד מס"נ, גיט מען אים דעם אוצר שלמעלה, די תר"כ, כתר, עמודי אור שלמעלה, און דאס ווערט נמשך דורך די עמודי אור פון מעלה מעלה, וואס איז נאך העכער פון מעלה, ביז אין דעם מטה מטה עד אין תכלית, אז דארטן זאל ווערן אור בגילוי, ביז מ׳וועט דארטן האבן דעם מאור, ביז מ׳וועט האבן דעם וואס איז העכער אפי׳ פון מאור אויך, עס ווערט ישראל אורייתא וקוב"ה כולא חד.

ז. איידער מ׳וועט ריידן וועגן קרן תורה, וועט מען זאגן א פאר ווערטער בתור הקדמה.

און דאס איז מתחיל מהתחלת דברי חכמים במשנתם, "על שלשה דברים העולם עומד על התורה ועל העבודה ועל גמ"ח", וואס בכללות איז דאס, תורה, לימוד התורה, עבודה איז דאך תפלות כנגד קרבנות תקנום, איז בזמננו איז דאס עבודת התפלה, און די ענינים וואס זיינען פארבונדען מיט עבודת התפלה, און גמ"ח, וואס דאס איז דער ענין הצדקה.

וואס אזוי ווי דאס איז נוגע כללות עולם, דארף מען דאך האבן ב׳ דברים, ניט אויף צוויי, און עאכו"כ ניט אויף איינע, אזוי איז אויך ביי יעדער אידן, וואס ווי עס שטייט אין תנחומא איז דאך דער אדם נקרא עולם קטן, דארף ביי אים אויך זיין תורה ועבודה וגמ"ח, כדי זיין עולם קטן זאל האבן א קיום. וואס דערפאר איז דאך יעדער

— איד מחויב —

איד מחויב אין די אלע ענינים, סיי תורה, און סיי תפלה, און סיי הנהג בהן מנהג דרך ארץ, וואס דאס איז דער ענין פון צדקה, וואס מ'טוט דאס אין ענינים ארציים והומריים.

וואס אזוי איז דאס בפרטיות, עס איז אבער דא ווי ער זאגט אין אגה"ק בנוגע וואס עס ווערט געבראכט די חילוקי דרגות ביי אידן, וואס בפרטיות איז דא די צעהן סוגים פון ראשיכם שבטיכם ביז חוטב עציך, בפרטיות איז דא די תלמידי חכמים און וואס זיינען זיך עוסק בישובה של עולם, וואס דאס איז דער ענין פון בעל עסק, וואס בכללות איז ת"ת איז כשמם, עיקר ענינם איז דער ענין התורה, די בעלי עסק איז עיקר ענינם דער ענין הצדקה, און עבודת התפלה איז פאר ביידען אן ענין, אמאל איז דאס פאר דעם מערער, און אמאל פאר דעם , ווי דער אלטער רבי פירט אבער אויס אין תו"א און מרומז אויך איז אגה"קאז בעיקר איז דאס מערער שייכות יתפלל לפני התיבה די בעלי עסק אויב נאר זיי זיינען פנויים, וכמבואר דער טעם אמצאך בחוץ אשקך, אין תו"א אין די דרושים.

איז דאך גלייך מובן, אז כל האומר אין לי אלא תורה אפילו תורה אין לו, איז דאך מובן ופשוט אז ת"ח דארפן אויך האבן דעם ענין פון גמ"ח, און אויב ניט איז אפילו תורה אין לו, און שתהא תפלתי סמוכה למטתי, ווי דער ביאור בזה איז, כדי דער לימוד התורה זאל זיין לאחר התפלה דעמאלט לערנט זיך אויף אן אנדער אופן תורה, דער חילוק איז אבער אין וואס איז עיקר עבודתו, ביי ת"ח איז עיקר עובדתו לימוד התורה, און שאר הענינים קומען אלץ טפל לזה, בא מארי עובדין טבין איז עיקר עבודתם דער ענין פון צדקה, וכל שאר הענינים קומען באופן טפל לזה.

ועד"ז די וואס ענינם איז כעבד לפני המלך, וואס ענין העבד איז, ענין התפלה, וואס תפלה איז כעבדא קמי' מרי', וואס דאס איז דער חילוק ווי עס ווערט געבראכט פון ר' יוחנן בן זכאי און ר' חנינא בן דוסא, וואס ער האט געזאגט אני כשר לפני המלך, וואס דער שר המלך ווייסט חכמתו של המלך ומנהיג מדינתו עפ"י חכמתו ורצונו ר' חנינא בן דוסא איז געווען עניינר עבודת התפלה, יודע אני שתפלתי מקובלת, ביז וואנענט אפי' דער שר התורה ר' יוחנן בן זכאי האט צו אים בעדארפט שיקן מצד דערויף וואס עניינר איז געווען כעבד לפני המלך, וואס דאס איז ענין התפלה, ניט מציאות פאר זיך, נאר כעבדא קמי' מרי'.

דעריבער איז אויך אין כללות חילוק בנ"י האט מען אויך געזען בשנים כתיקונן, אז אעפ"י וואס בכל מקום ומדינה ועיר ומושב האט געמוזט זיין די אלע דריי ענינים, תורה ועבודה וגמ"ח, איז אבער געווען מדינות וואס עיקר עבודתם איז געווען לימוד התורה, געווען מדינות וואס עיקר ענינם איז געווען עבודת התפלה, און געווען מדינות וואס עיקר ענינם איז געווען עבודת הצדקה, אלץ גערעדט בנוגע לעיקר. אבער זעלבסטפארשטענדליך בכל מקום ומקום וויבאלד עס איז געווען דארט העולם קיים, האט געמוזט זיין אויך די שני העמודי פון די שלשה עמודים.

דאס איז אלץ גערעדט געווארען בשנים כתיקונם וכל דבר על אופנו במעמדו ומצבו, בשעת עס איז בא דער וואס ימח שמו ובלבל את העולם, און האט משמיד געווען כל חלקה ושמנה וכו', און ווי דער בעל ההילולא האט געזאגט אין דעם משל, אז בשעת מ'גיט א פאטס,פאטשט מען אין פנים, איז דעמאלט געווארען אזא מעמד ומצב אז עס דארף זיין דער עיקר העבודה ניט נאר אין איין עמוד, נאר אויך אין די עמודים וואס ביז די שנות הבלבול והגזירות והשמדות איז דאס געווען במדינה

- אחרת, -

אחרת במקום אחר ובסוג אחר.

וראס כפשוטו, מ׳דארף דאך יעדער ענין אויסטייטשן אויף מאמע לשון, עס איז געווען אמאל א צייט וראס תורה איז געווען אין דער און דער מדינה, און עבודת התפלה איז געווען אין דער און דער מדינה, און עבודת הצדקה, האט דער אויבערשטער משפיע געווען רב טוב גשמי כפשוטו אין ארצה"ב, און דארט האט מען זיך מצטיין געווען אין עבודת הצדקה אין א מדה עד להפליא, משא"כ לתורה וללימוד החסידות, וראס עניבה איז דאך אויפטאן דאס וואס תפלה טוט אויף, כעבדא קמי׳ מרי׳, האט מען זיך פארלאזן אז דאס וועט מען אויפטאן אין דער און דער מדינה, דער ענין התורה, און אין דער און דער מדינה דער ענין התפלה.

דאס איז אבער אלץ געוועדט געווארען ניט אין שנת חירום, בשעת עס איז געווארען אזא מין מעמד ומצב אז למחי׳ שלחני לפניכם, ביז וואנענס לפליטה ולעם רב, איז דעמאלט קען מען זיך ניט פוטר זיין און זאגן אז פונקט ווי מיט דרייסיק יאר צוריק, און מיט צוואנציק יאר צוריק האט מען זיך מצטיין געווען אין דעם ענין צדקה כפשוטה, וואס דאס האט אויפגעהאלטן מוסדות התורה און מוסדות התפלה און דער מדינה וואס עיקר עבודתם איז געווען אין תפלה ותורה, און זיי זיינען געווען בבחי׳ זבולון, אבער ווי דער בעל ההילולא האט געזאגט גלייך קומענדיק אהער, אז למחי׳ שלחני, ניט צוליב די געלט, נאר מאכן פון אמעריקא א מקום תורה.

עס איז דאך בפשיטות אז ער האט געוואוסט אז פאר דעם איז אויך געווען לומדי תורה ומתעסקים אין תורה אויך אין אמעריקא, אבער ניט דאס איז געווען עבודת מדינה זו, עיקר עבודתו איז געווען אויף געבן די געלט וואס מ׳ דארף האבן אויף אונטערהאלטן כל עניני תורה ומצוותי׳ בכל מקום שהם, און תורה איז געווען ע"ד פון תורת בעלי עסקים.

און דאס האט דער בעל ההילולא געזאגט גלייך קומענדיק, אפילו נאך קודם השמדות, אז ענינו ושילוחו איז אויף מאכן פון ארצה"ב אז דאס זאל ווערן א מקום תורה, אז עיקר ענינו זאל זיין, סיי ענין הצדקה און סיי ענין התורה און סיי ענין התפלה.

עס איז דאך געווען אזוינע וואס האבן זיך געוואלט פטורה זיין, און געוואלט אפטיקן אז תורה וועט מען ברייינגען מעבר לים, צי אין דער מדינה צי אין יענער מדינה, און דאקאן מען ממשיך זיין אין ענין הצדקה, האט מען געזאגט אז אדרבה, דאס וואס דארט האלט זיך תורה און תפלה ויהדות איז דאס דערפאר וואס אין ארצה"ב שטייט מען אין א תנועה חזקה אז מ"מוז דארט אויפהאלטן תורה ותפלה ומצוות, ולולי זאת איז היל"ת ווער ווייסט וואס וואלט דארט געווען.

און דאס איז די הוכחה אויף דברי הנשיא גלייך קומענדיק אהער, וואס דברי צדיקים זעהן דאך וואס וועט זיין באחרית הימים, אז ניטא אויף וואס צו פארלאזן זיך אויף אן אנדער ארט, דא דארף אויפגעבויט ווערן דער ענין הצדקה, אין א אופן מוסיף, נאר ווי עס איז געווען פריער, און אויך דער ענין התורה, ע"ד ווי עס איז געווען אין די שלפני זה, און וויבאלד אז מעלין בקודש, דארף מען נאך מוסיף זיין בזה, ועד"ז אויך בלימוד פנימיות התורה, וואס די איז מביא לאהבתו ולירלאתו, וואס דאס איז דער ענין פון עבודת התפלה.

וואס דאס איז דערצו השעה, ווי ער האט זיך אנגעהויבן אין ת"ש, און אין תש"א, ווי דער בבי בעל ההילולא האט געזאגט גלייך קומענדיק אהער, אז מ׳דארף מאכן אמעריקא, ניט ח"ו שולל זיין דעם עמוד הצדקה שהצטיינו בזה, נאר אויך אז דא זאל ווערן א מקום תורה, וואורום די תורה

–האט זיך–

האט זיך אריבער געטראגען די גליות וואס זי האט, און איז איצטער צוגעקומען אין חצי כדור התחתון כמבואר החילוק בזה במקום אחר בארוכה אין די מאמרים און די שיחות פון דעם בעל ההילולא, איז איצטער די צייט אז דא ווערט א מקום תורה, ביז לימוד התורה לשמה, אן קיינע תכליתים, ניט ע"מ שיקרא רב וראש ישיבה וכיו"ב, נאר א דרך הלימוד ווי דאס איז געווען אין ליובאוויטש און שצעדרין און די אלע מקומות תורה וואס זיינען געווען אין יענעם חצי כדור,

ועד"ז איז אויך בנוגע צו לימוד פנימיות התורה, ובנוגע לעבודת התפלה, וואס דאס איז דער דריטער עמוד, וכאמור לעיל עס איז ניטא אויף וועמען צו פארלאזען זיך, עס איז א שעת חירום, וואס אעפ"י וואס צדקה עשה הקב"ה עם ישראל שפיזרן לבין האומות, איז דאס האט דער אויבערשטער געהאלפן אז בשעת מ'געפינט זיך אין די ד' אמות האט מען אזא מין פיזור אויב דאס איז ד' אמות אין אמעריקא, וואס דאס איז נאכמער ווי דער פיזור וואס איז געווען צווישען אידן וואס איז געווען אין איין קצה עולם אין חצי כדור העליון און אין צווייטן קצה פון חצי כדור העליון, קומט עס ניט צו דעם פיזור וואס ער האט ביי זיך אליין מצד זיין חייו, לפי הרוח וסדר החיים פון ארצה"ב, וואס דאס איז מען מקיים פזרן לבין האומות, אין די אייגענע ד' אמות.

און דאס איז וואס דער רבי האט גלייך אנגעהויבען קומענדיק אהער, מיט א יסוד פון א ישיבה וואס זי זאל מאחד זיין אין זיך לימוד התורה ועבודת התפלה, און גלייך האט מען אויך געדארפט האבן געלט אויף דעם וואס דאס איז דער עמוד הצדקה, וואס דאס איז כמבואר כמה פעמים, אז כדי מ'זאל זיין זיכער אז דבר הוי' וועט אראפ בפועל ניט קוקענדיק אויף כמה הרפתקאות וואס וועט זיין פון נהר גיחון ביז די הכתרה בפועל דארף מען האבן א פעולה בשמיית, איז דאס געווען גלייך אראפקומענדיק גלייך די התאחדות פון די אלע דריי עמודים, פון תורה עבודה וגמ"ח, און דאס האט געעפנט דעם צנור אפשריות ויכולה, אז כאו"א זאל קאנען אין דעם אופן ממשיך זיין.

עד"ז איז געווען דער כללות הענין, אנהויבנדיק פון אלטען רבי'ן אן, איז דאך דא סיפורים רבים פון הנהגתו עם החסידים ווי אזוי עס איז געווען דער ריבוי הצדקה וואס ער האט פון זיי פארלאנגט, ווי עס איז אויך פארשטאנדיק פון אגה"ק און נאך מערער פון די סיפורים, ביחד עם זה האט ער זיך פארלאנגט דעם לימוד פנימיות התורה, לימוד החסידות, און אויך פארלאנגט דעם לימוד הנגלה, כמבואר אין לקו"ת דער ענין פון אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו, אז עס מוז זיין לימוד הנגלה, דעמאלט האט ער אויך דעם פנימיות התורה, האט ער דאס אלץ פארלאנגט בבת אחת פון די זעלבע אידן, סיי דעם עמוד התורה, סיי דעם עמוד התפלה, סיי דעם עמוד הגמ"ח, און ווי דער רבי נ"ע איז מאריך אין דער שיחה אז ביי א חסיד מאנט מען ער זאל זיין א פנימי, אז אין וואס פאר אן ענין ער שטייט זאל דאס ביי אים ניט זיין א הכנה והכשר לענין אחר, אפילו אז דער צווייטער ענין איז אויך אן ענין פון קדושה, נאר בשעת ער שטייט אין דעם ענין איז דא שטייט ער אינגאנצן, וואס דאס איז די עבודה פון א פנימי.

דערפון איז פארשטאנדיק, אז בשעת מ'פארלאנגט נתינת הצדקה למעלה מהגבלה, מאדך זה ממונך, ומאדך זה מאד שלו, דארף דאס זיין אין א ענין פון עבודה פנימית, אז דאס איז כל ענינו ועיקרו, און אזוי אויך עבודת התפלה אין לימוד פנימיות התורה המביאה לאהבתו ויראתו, איז כל ענינו עמוד העבודה, און אזוי איז אויך בשעת ער האלט אין לימוד התורה איז כל ענינו איז אין א דרגא פון תלמידי חכמים עמוד התורה.

און דערנאך האט מען אוועקגעשטעלט דעם ניגון פון תורת החסידות,

– דעם ממלא מקומו –

דעם ממלא מקומו פון אלט'ן רבי"ן, אין ארצה"ב, וואס ווי ער האט געזאגט איז דאס איינע פון די גליות יגלתה, און וואס דא האט ער אויך אנגעהויבען איינפלאנצן דעם דרך, אז פון אנשי ותושבי ארצה"ב, זאל'ן ווערן די אלע דמיי ענינים אלץ אן עיקר, דער ענין הצדקה אין אן אופן בהפלגה, דער ענין פון לימוד התורה אין אן אופן פון הפלגה, דער ענין פון עבודת התפלה, וואס בהקדמה לזה מוז זיין דער ענין פון פנימיות התורה המביאה לאהבתו ויראתו אויך אין אן אופן פון הפלגה, ובכל עניו וענין ווי ער שטייט אין א דרגא פון פנימי.

אזוי ווי עס איז דאך איננו מבקש אלא לפי כחן, און מ'דארף דאך האבן אן ענין פון ופרצת אין לימוד התורה, און מ'דארף דאך האבן אן ענין פון ופרצת אין עבודת התפלה, ביז ביטול במציאות, וואס ביטול במציאות נעמט דאך אראפ אלע זיינע מדידות והגבלות, מ'דארף דאך האבן א ענין פון ופרצת אין צדקה, ווי ער זאגט אז צדקה דארף זיין אין אן אופן של בזבוז (כמבואר אין אגה"ק), ע"ד ווי ער איז מבאר אין המשך פון הילולא דעם בזבוז האוצרות, איז וויבאלד דער אויבערשטער זאגט איני מבקש לפי כחן, איז יהי רצון ויהי רצון אז דער אויבערשטער זאל ממשיך זיין ווי דער רבי איז מסיים אין דעם מאמר פון צדקת פרזונו (תרפ"ט) וואס בהקדמה לזה איז אמר ר' אושעיא, עס זאל זיין דער ורב טוב לבית ישראל כפשוטו, אן עושר בגשמי וכסף וזהב בגשמי.

און דאס זאל נים זיין א ענין וואס זאל פועל זיין צו פיזור הנפש און צו מותרות וכו' נאר אדרבה, דאס זאל זיין לבית ישראל, שרית עם אלקים ואנשים, ער קומט ביי זיין אייגענע יצה"ר, און קומט ביי דעם אלקים, ווארום ער איז צוגעקומען צום יד הגדולה, וואס דאס איז אשר עשה הוי', און ער נעמט מיט דעם רב טוב, און מאכט דערפון די צדקה עשה הקב"ה אז דאס איז אן ענין לזכות את ישראל, עי"ז וואס ער גיט רוב זהב וכסף, בויט מען דערפון א משכן ומקדש לו ית' אין וועלכן דער אויבערשטער איז מקיים הבטחת ושכנתי בתוכם.

ח. עס איז דאך כנהוג בכל שנה ושנה איז די התוועדות וואס איז פארבונדן מיט'ן יום ההילולא, אז מ'מאכט דעמאלט א מגבית אויף קרן תורה, פאר די וואס לערנען תורה נים צוליב א תכלית, אפילו א תכלית דקדושה, וואס רב יתקרי אדער ראש ישיבה יתקרי, נאר תורה צוליב לימוד התורה, און וכל המתנדב בזה, וויבאלד אז גיבן די געלט און מיט די געלט וועט מען זיך נוצן מקודם ללימוד התורה, איז דעמאלט ווי דער דין איז אז דעמאלט האט מען א חלק בתורתו וואס מ'קאן דאך נים אפקויפן לאחרי שלמד התורה, דעמאלט איז דאך בוז יבוזו לו, אם יתן את כל ביתו, משא"כ אז מ'גיט קודם לימוד התורה דעמאלט האט מען דאך א חלק בתורתו.

ואדרבא, פריער איז שמח זבולון בצאתך און דערנאך איז יששכר באהליך, הקדים זבולון ליששכר, וועט מען אויך האבן א חלק בתורת כל אלו שלומדים תורה, נוסף על כללות הענין, וואס ווי גערעדט פריער אז בימינו אלו דארף יעדעדער האבן אן עבודה פנימית סיי בנתינת הצדקה; סיי אין לימוד הנגלה, סיי אין לימוד החסידות, סיי אין עבודת התפלה.

וכרגיל איז כל הרוצים קאנען רושם זיין את שמם ושם אמם אויף א פתקא ביחד מיט דעם סכום הנדבה, אדער אויף א פתקא בפ"ע, דער עיקר איז כאמור, מ'זאל געבן אין אן אופן פון בזבוז, און דאס וועט מען מזכיר זיין עה"צ, אז דער אויבערשטער זאל זיי געבן רב טוב לבית ישראל, מבזבז זיין די אוצרות עליונים וואס דאס איז דאך א אוצר יקר וואס גיט הון יקר בעניינים רוחניים און אויך במילי דעלמא ביז למטה מעשרה טפחים בבני חיי ומזוני רבכולם רוויחי:

ס. מ'האט

ט. מ׳האט דאך גערעדט פריער בנוגע ללימוד התורה הנגלית ובנוגע ללימוד פנימיות התורה, וואס ענינו איז דאך דע את אלקי אביך, וואס דאס איז דער לימוד ווי דער רמב"ם רופט דאס אן חכמת האלקית, און דער ענין הצדקה, וואס המעשה הוא העיקר, וואס דאס איז דער ענין וואס צדקה איז נקרא בשם מצוה סתם, וואס דאס איז דער ענין המעשה.

וכמבואר דעם הכרח לימוד התורה בכ"מ, וכמבואר במ"פ, אז אלע ענינים זיינען מיוסד בנגלה אנהויבענדיק פון דעת מורה הגדול, וואס לכאורה ובפרט נאך לפי המבואר אין קבלת, האט ער זיך ניט עוסק געווען אין חכמת הקבלה, ברענגט דאך אראפ דער בעל ההילולא בשיחות שלו, (ספר השיחות קיץ ה׳ש"ת עמוד 41, ובהערה -המעתיק-) אז ער איז געווען א מקובל גדול נאר מצד המעמד ומצב בדורו; האט ער דאס געדארפט האלטן בסוד, ביז אפילו ניט ברמז ארויסגעבן.

ער איז דאך אבער א פוסק, מוז יעדער ענין ארויסגעקומען סוכ"ס ערגעץ וואו, איז דאס נוסף אויף די הוראה כללית אין הל׳ יסוה"ת, וואס דאס איז דאך די התחלה פון יד החזקה, איז גלייך נאך דער הקדמה פון פרק ראשון, וואס דארט רעדט זיך בעיקר וועגן דעם אויבערשטן אז יש שם מצוי ראשון, הויבט ער גלייך אן אין דעם פרק שני רעדן וועגן עבודת האדם, איז גלייך די התחלה אז עס דארף זיין הא-ל הזה מצוה לאהבה אותו, וכיצד היא הדרך לאהבתו וליראתו, איז דורך דערויף וואס עס איז דא א התבוננות בגדלתו ובחכמתו, ווי ער איז דארט מאריך בארוכה.

בשעת מ׳טראכט זיך ארייַן אז אהבתו ויראתו איז התחלת עבודת האדם, און ווי דער פי׳ להרמב"ם איז דאס נאך מערער מפורש, דאס וואס דער אלטער רבי ברייגנגט אראפ אויך אין ספר התניא, אז מצות האהבה איז דאס דער יסוד לקיום כל רמ"ח מ"ע, דער לאהבה אותו, און ליראה אותו איז דאס דער יסוד לקיום כל שס"ה מל"ת, זאגט ער ווי אזוי קאן מען. דערצו צוקומען דוקא התבוננות בגדולתו וברוב מעשיו וכו׳.

וואס דאס איז דער ענין אין וועלכן עס איז זיך עוסק פנימיות התורה, דער דע את אלקי אביך.

כאמור אז מצד מעמד ומצב שבדורו איז אין עניני קבלה ופנימיות התורה האט עס געדארפט זיין ביי אים בהעלם ובסוד, עס איז אבער אין פיהמ"ש שלו מערער בגלוי, עס איז דאך ניט דער ספר פס"ד להרמב"ם, אעפ"י וואס דארט איז אויך דא כמה דינים,

איז דער רמב"ם מפורש דעם מאמר וואס עס איז דא אז מחרב בהמ"ק איז "אין לו להקב"ה בעולמו אלא ד׳ אמות של הלכה בלבד" (ברכות ח) און פרעגט אויף דערויף די קשיא, לכאורה ווי קען מען דאס זאגן, אז דער גאנצער ענין וואס עס איז דא אין וועלט איז מערניש ווי ד׳ אמות של הלכה, ווי איז דאס געווען בימי שם ועבר, וואס דאס איז געווען קודם נתינת התורה.

און ער איז דאס מתרץ, אז דער ענין פון ד׳ אמות של הלכה מיינט מען דאס דעם אדם השלם, וואס ווי אזוי קאן ער זיין א שלם, ווען ער איז זיך עוסק אין ד׳ אמות של הלכה, און ער איז מפורש וואס מיינט מען דאס, אז דאס מיינט מען החכמה והמעשה, וואס המעשה איז ער מפורש, אז דאס איז דער ענין פון סו"מ, זיך אפשיידן פון תענוגי עוה"ז, און אין עס"ט דער מעשה טוב, און דער ענין החכמה איז דאס די ידיעות המושכלות, און איז מפורש פאר דעם, אז וואס מיינט מען ידיעות המושכלות, אז דער תכלית בזה איז וויסן אלקות.

און דאס איז דער פירוש פון ד׳ אמות של הלכה, און דאס איז דער תכלית כל העולם, ביז וואנענט אז "אין לו להקב"ה בעולמו אלא ד׳ אמות של הלכה בלבד".

- וואס דאס -

וואס דאס איז דאך קלאר ארויסגעזאגט פון דעם רמב"ם, ווען איז א איד אן אדם השלם, און ווען טוט זיך אויף אז דער אויבערשטער וויל האבן צו טאן מיט וועלט, אז הקב"ה איז בעולמו, בשעת עס איז דא החכמה והמעשה וואס והמעשה איז דאס די ענינים פון מעשה בפועל, וואס "גדול תלמוד שמביא לידי מעשה", דער לימוד הנגלה, והחכמה וואס דאס איז דער ענין פון ידיעת אלקות, "דע את אלקי אביך", וואס דאס איז א פירוש גלוי, אויף הכרח לימוד פנימיות התורה, וואס דוקא אויף דעם וועג האט הקב"ה צו טאן בעולמו.

דער ענין איז דאך אבער דורש ביאור גדול, ווארום עס איז לכאורה איינגאנצן ניט פארשטאנדיק, הלכה איז ניט וואס ווערט געבראכט מערניט ווי אין דעם מארז"ל, עס איז דא מאות פעמים בש"ס וואס עס ווערט געבראכט דער ענין ההלכה, און אומעטום ווייס מען א כלל גדול אז הלכה איז דאס ענינים פון נגלה שבתורה, דער פס"ד שבתורה, וכסיום כל הש"ס כולו: " כל השונה הלכות בכ"י מובטח לו שהוא בן עוה"ב", און דער אלטער רבי אליין טייטשט, אז דאס מיינט דער ענין פון הלכה פסוקה, איז ניט פארשטאנדיק, ווי קומט דאס דער רמב"ם, אמת טאקע, ווייבאלד דער רמב"ם פסקנ'ט, אזוי מוז מען אננעמען דעם פס"ד, אבער דאס גופא דארף מען פארשטיין, ווי קומט דער רמב"ם אפטייטשן דעם מאמר רז"ל לגמרי ניט ווי עס איז אפגעטייטשט בכ"מ הלכה בש"ס ופוסקים.

אמת טאקע, אז ער איז בזה מוכרח, ווייבאלד אז מ'פארבינדט דאס מיט משחרב ביהמ"ק, איז דאך דערפון גופא פארשטאנדיק, אז דער ענין של הלכה וואס רעדט זיך אין דעם מאמר רז"ל דארף דאס פארבייטן דאס וואס דער ביהמ"ק האט געטאן בשעה שהי' קיים.

וואס דאס איז געווען דער ענין פון ביהמ"ק כפשוטו, וואס דארט איז געווען די "עשרה נסים שנעשו לאבותינו בבמ"ק", וואס דאס האט מען געזען בעיני בשר אז דארט איז העכער פון טבע העולם, וואס דאס דארף אויך געבן א הלכה, ענינים אז מ זאל זעהן העכער פון וועלט, און אזוי ווי אין ביהמ"ק איז געווען כל הענינים שבתורה ביז דאס ענין הנסתר שבתורה ופנימיות התורה, וואס דערפאר איז דאס געווען באהאלטן אין אן ארון, און צוגעדעקט פון אויבן, וואס דאס איז בדוגמת רזי דרזין דאורייתא,איז דאס מכריח אז דאס וואס פארבייט משחרב ביהמ"ק, דארף דאס אויך האבן אין זיך ניט נאר די נגלה דתורה,די הלכה כפשוטה, דער פס"ד, וואס דאס איז דער ענין פון לשכת הגזית, וואס דאס איז אויך געווען אין ביהמ"ק סמוך למזבח, ווי דער דין איז, נאר אויך דער ענין הארון והלוחות והאבן שתי' שהי' במקומו, וואס דארט איז אויך געווען די עבודות וואס זיינען געווען פארבונדען מיט דעם ארון,

עאכו"כ ווי דער רמב"ם ברייינגט אראפ די דעה לפס"ד אז דער ארון איז נגנז בבית קה"ק, איז ער דאך אויבער אויך דארט, דארף דאך זיין די הלכה באופן כזה, ווי זי פארבייט די ענינים וואס איז געווען בביהמ"ק כשהי' קיים.

וואס דאס איז מכריח דעם רמב"ם צו מפרש זיין הלכה אין מארז"ל זה, אז דאס איז ניט ווי בכ"מ בש"ס הלכה פסוקה, דער נגלה דתורה, וואס דאס איז מערניט ווי דער לשכת הגזית שהי' בבהמ"ק, נאר אויך דער ענין פון קדה"ק, וואס אין קדה"ק איז מערניט ווי דער ארון ולוחות אשר בארון און דאס איז גנוז, וואס דאס איז דער ענין פון רזי דרזין דאורייתא.

דאס איז אבער [illegible]ניט ווי מבאר פארוואס איז דער רמב"ם מוכרח אזוי מפרש צו זיין, עס איז אבער דא א טיפערע קשיא אין דעם, תורה איז דאך מלשון הוראה, אז מ'זאל האבן א הוראה ברורה אן ספיקות, ווי קומט דאס אז תורה, ווען זי וויל זאגן אז מ'דארף האבן אן אדם השלם, סיי אין חכמה, סיי אין מעשה, זאל תורה נוצן דעם ווארט פון הלכה–

הלכה, וואס ברובם ככולם וואו הלכה ווערט געבראכט אין תורה מרומז מען דאס הלכה פסוקה פון נגלה דתורה.

נאר דאס איז אויך דיוק אין דעם מארז"ל, וואס ס'שטייט ניט משחרב בהמ"ק אין לו להקב"ה אלא הלכה, נאר ער איז מוסיף ניט הלכה אליין נאר עס דארף זיין ד' אמות של הלכה.

וואס דער ענין פון ד' אמות וועט מען פארשטיין פון דעם דין הנגלה, וואס אין ד' אמות, וואס ד' אמות איז דא בכמה דינים, בהנוגע צו דינים תחומים און בנוגע צו גיטין וקדושין, און בנוגע צו קנין, וואס ד' אמות איז קונות לאדם אפי' אז ער טראכט גארניט וועגן דעם, זיינען זיי קונות (מיט א תי"ו צום סוף) זיי קויפן אפ פאר אים.

וואס אין דערויף מצ"ע איז דא צוויי סברות אין פוסקים און מפרשים, איין סברא איז, אז די ד' אמות זיינען זיינע, ובדרך ממילא, די ענינים וואס געפינען זיך אין די ד' אמות ווערן אויך זיינע, די צווייטע סברא איז א סברא הפכית, אז די חפצים וועלכע געפינען זיך אין די ד' אמות ווערן זיינע.

דערפון איז אויך א לימוד, אז וואו נאר עס איז נימא א לימוד היפך, איז דארט דער ענין ע"ד ווי סבו איש תחתיו, אז ד' אמות איז דאס ניט א מקום שמחוץ הימנו, נאר דאס ווערט אנגערופן תחתיו, דאס איז זיין מקום.

פרעגט מען אויף דערויף די קשיא, קומתו של אדם איז דאך ג' אמות, זאגט מען דערויף, אז ג' אמות איז קומתו, און דערנאך איז כשיגביה ידיו למעלה מראשו, ווערט דאס ד' אמות, וואו איז דא דער הכרח ער זאל אויפהויבן די הענט העכער פון זיין קאפ, און בפרט נאך אז דאס איז היפך הבריאה, הענט דארפן זיין נידעריקער פון די קאפ, סיי בגשמיות עאכו"כ ברוחניות, דארפן זיך די הענט פירן ווי די קאפ ווייזט איר אן, און דא זאגט מען אז ניט נאר מגביה ידיו למעלה מראשו, נאר דאס פועל'ט אויף א דין אין נגלה, דורך דער הגבהה אז אין עולם שמחוץ הימנו איז ד' אמות וואס ארום און ארום ווערט דאס'ער. ובדרך ממילא איז אלע ענינים וואס אין די ד' אמות איז דאס שלו.

נאר וואס דען אין שלימות האדם איז דאך דא פריער ווי די שלימות מצד הבריאה, וואס דעמאלט איז אויך מצד הבריאה, איז דאך דא א ראש, גוף ורגל, און בשעת ער איז תמים תהי', ער איז א תמים ושלם, האט ער די אלע רמ"ח אברים ושס"ה גידים, און דעמאלט איז א סדר אז פריער גייט דער ראש ולמטה ממנה הגוף באמצע, און די ידים משני הצדדים, ולמטה מזה די שני רגלים, וואס דאס איז מזין אויך א שלימות.

דאס איז אבער ניט די תכלית השלימות, ווארום כ"ז איז דאך מערניט ווי דער אדם'ס מצד הבריאה, און מצד דעם פעלט דער ענין פון אשר ברא אלקים לעשות, און עס מיינט דאך אפ נגלה דתורה לעשות לתקן כתורמוסין הללו, א איד דארף מוסיף זיין אין וועלט, אז די וועלט זאל ווערן בעסער ווי דאס איז כביכול מצד הבריאה.

וואס אויף דערויף זאגט מען: "כל האומר ויכולו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית", וואס א שותף דארף דאך אויך טאן אן ענין בדוגמא צו דעם צווייטן שותף, איז פונקט אזוי ווי אמר הקב"ה ליעקב, מה אני בורא עולמות, אזוי איז יעקב בורא עולמות.

וואס דאס איז דער ענין אז יעדער איד זאגענדיק ויכולו הש"א, נעשה שותף להקב"ה, ער האט אריינגעטראגען אין וועלט דאס וואס וועלט מצ"ע האט דאס ניט געהאט אפילו ווי על מילואה נברא, ווארום אשר ברא אלקים לעשות לתקן שטייט נאך קודם עה"ד, וואס דאס איז דער

-לעבדה ולשמרה-

לעבודה ולשמרה איז דאך געווען ווי תכלית הבריאה וועו דער אדם איז געווען על מתכונתו, קודם החטא, האט אויך געדארפט זיין לעבודה ולשמרה אין וועלט, אפי׳ אין ג"ע פון וועלט, ואדרבא,דער עיקר אין ג"ע פון וועלט.

וואס דאס איז דער כללות הענין וואס מ׳זאגט אז דער ענין פון לעבודה סוס אויף מערער ווי עולם האט מצד הבריאה, וואס דאס איז מגביה ידיו למעלה מראשו, ניט ווי מצד הבריאה, וואס מצד הבריאה איז דא דער ראש, ולמטה מזה גוף, ולמטה מזה רגל, נאר עס איז דא ווי ער איז מגביה, ער שטעלט זיך העכער ווי זיין קאפ איז באשאפן געווארען.

נאר וואס דען, המעשה הוא העיקר, ער איז מגביה ידיו, דער לעשותו וואס דאס איז דאך דער לתון "לעשות", דורך מעשה בפועל, דא סוט ער אויך דעם שותף להקב"ה במעשה בראשית. און דעמאלט ווערט ער העכער ווי ער איז באשאפן געווארען בן ג׳ אמות, נאר ער ווערט דעמאלט ד׳ אמות.

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע להלכה, וואס כללות ענין התורה איז דאך ווי דאס איז געגעבן געווארען מלמעלה "משה קבל תורה מסיני", וואס דאס איז דאך דער כללות ענין התורה " הלא כה דברי כאש", איז דא ווי תורה איז געגעבן געווארען מלמעלה, און דאס איז אין אן אופן פון אור יקר-מלמעלמ"ט, און דא שטעלט זיך איין ג׳ אמות- תורה נביאים און כתובים, ובכללותם, אוריין תליתאי וואס איז געגעבן געווארען צו אידן ווי זיי זיינען געווען צוגייענדיק צו מתן תורה- עם תליתאי, וואס דאס האט אויך געפועל׳ט אין וועלט- ירחא תליתאי, אומעטום ג׳ דרגות.

מתן תורה האט אויפגעטאן, "לוחות הראשונות לא נתקיימו", וואס דאס איז געווען בירחא תליתאי, און אוריין תליתאי לעם תליתאי, און דערצו איז צוגעקומען דער ענין פון לוחות שניות,וואס זיי זיינען נתקיימו, לוחות שניות האבן אויפגעטאן אן עבודה ניט ווי מצד הבריאה, וואס דאס איז דער ענין פון אוריין תליתאי, וואס מצד דערויף איז סאמער איז ביט אזוי, איז געווען דער ענין פון היפך מתן תורה,די שבירת הלוחות, נאר עס האט אויפגעטאן די עבודת התשובה, וואס תשובה איז דאך בחילא יתיר, ארויס פון מדידות והגבלות פון זמן ומקום, פועל׳ט דאס אויך כפלים לתושי׳, מערער ווי אוריין תליתאי, וואס ארויס פון ג׳ איז אוקמוה אארבעה, ווערט דער ענין פון ד׳ אמות.

נאר ער איז המעשה הוא העיקר, וואו איז די בחינה אז ער לערנט תורה לכל חלקי׳, ניט נאר אין פשט, אין רמז און אין דרוש, נאר אויך אין סוד ווי עס דארף צו זיין, איז די בחינה דערויף, אז פון יעדער ענין נעמט ער ארויס א בכן. וואס דער בכן איז דער ענין בהנוגע למעשה לפועל.

דערפאר איז די אלע ד׳ אמות ווערן אנגערופען על שם הלכה, וואס דער עיקר דארף מען האבן די בחינה און דעם ענין הבכן – ווי איז בהנוגע לפועל, ווי ווערט ער זיך אויפפירן בנוגע צו א זולת, און בהנוגע לעצמו, ובהנוגע לעבודת קונו, און אין דערויף קאן זיין מערניט ווי הלכה אליין, ווייס מען אז דאס איז אן ענין פון הלכה פסוקה, איך ניט דאס איז אבער תכלית השלימות האדם, עס איז טאקע המעשה הוא העיקר, ער האט אפגעטאן דעם ענין, מ׳קאן דאס ניט זאגן אז דאס איז תכלית השלימות, מ׳דארף האבן עס זאל זיין ד׳אמות של הלכה,אז די הלכה זאל זיין אין תכלית שלימותה נאכמער ווי דאס איז אוריין תליתאי מערניט ווי ג׳ אמות, דורך וואס קומט מען צו דערצו, דורך דעם פעסטן עיין וואס ס׳איז דא אין תוקה – ענין הסוד שבתורה.

דערפאר איז ער מחלק אין זהר די חלקים פון פשט און רמז און

- דרוש אין איין -

דרוש אין איין סוג, און סוד שבתורה אין א צווייטן, ניט ער איז מחלק אויף פיר חלקים, נאר ג׳ באזונדער, און די פערטע באזונדער, וואס דאס איז דער כללות החילוק אויריין תליתאי ווי ביי מתן תורה, און דערנאך ווי דאס איז געגעבן געווארען לוחות האחרונות, וואס דאס איז די לוחות שניות, כפלים לתושי׳.

און דאס איז דער הכרח וואס חז"ל (בשעת זיי ווילן ארויסברייגגן שלימות האדם, מוזן זיי דאס אלץ אנרופן בשם הלכה, ווארום אין תורה, ווען איז די בחינה אז ער לערנט ווי עס דארף צו זיין, און ער איז מכוון ווי עס דארף צו זיין, איז דאס אויב ער האט דעם בכך במעשה, וואס דאס איז דער ענין ההלכה, וואס עס איז דא דער אמה הרביעית, וואס דאס איז דער ענין־פון סוד שבתורה, ועד"ז בהנוגע צו דרוש און רמז ביז אין פשט התורה.

וואס דאס איז דער דיוק וואס מ׳זאגט ד׳ אמות של הלכה, און ניט הלכה סתם, דערפאר קאן דאס פארבייטן דאס וואס בהמ"ד האט געשאן, אין בהמ"ק בכללות איז געווען ג׳ דיורין, דער חצר, דער היכל, און דער קדה"ק, אבער אין קדה"ק גופא איז געווען שני ענינים, עס איז געווען דער קדה"ק, און אין אים דער מקום ארון שאינו מן המדה,וואס דאס שטייט ניט אויף דעם גאנצן קדה"ק, דער ארון איז געווען מערניט ווי אמתים וחצי, ואמה וחצי, און ער האט זיך געפונען אין א שטח וואס איז געווען עשר על עשר, אדער עשרים על עשרים, איז אין קדה"ק גופא, בחיצוניות אז מ׳האט א קוק געטאן האט מען געזען איין זאך, בשעת מ׳האט דאס אנגעהויבן מעסטן האט מען געזען אז די אמתים וחצי ואמה וחצי האמה איז אינו מן המדה, דאס געפינט זיך אין דיור שלישי, און ער איז מחולק, בגלוי איז זאס ווי עס שטייט אין פנימיות התורה, אין רזין דרזין, דאס איז העכער מכל מדידה והגבלה,

און דערפאר משחרב בהמ"ק, האט מען דאס ניט אזויפיל בגלוי, ווארום עס איז דאך חורבן, אבער עס דארף זיין אויך די אלע פיר ענינים, ניט נאר אוריין תליתאי, נאר אויך דער מקום ארון אינו מן המדה, אין איינעם פון די דריי ענינים שבתורה, און אלם די אלע פיר איז די בחינה סיי אין פשט סיי אין רמז, סיי אין דרוש, סיי אין סוד, אז עס זאל ארויסקומען אין א הלכה פסוקה בנוגע לפועל, און דעמאלט איז דא דער תכלית שלימות האדם.

און דערביי ברייננגט דער רמב"ם אראפ נאך אן ענין וואס איז מאיר דעם ענין אויף וויפיל דאס איז שייכות צו יעדערן, וואס לכאורה ע"פ הביאור איז דאס תכלית שלימות האדם,קאן מען דאס ניט פארלאנגען פון יעדערן. איז דער רמב"ם דערצו מקדים די קשיא, אז אויב אזוי וועט מען ניט פארשטיין ווי דאס איז געווען בימי שם ועבר, וואס לכאורה די גאנצע קשיא איז ניט פארשטאנדיק, בימי שם ועבר אאיז אויך געווען לימוד התורה, און ווי ער זאגט "ותלך לדרוש את האלקים", אז זי איז געגאנגען פרעגן ביי שם ועבר, ביז מ׳זאגט אז יעקב האט דארט געלערנט תורה י"ד יזנים, איז דאך דעמאלט אויך געווען ד׳ אמות של הלכה, במילא וואס איז די קשיא פון דעם רמב"ם, פונקט אזוי ווי עס האט געקאנט זיין משחרב בהמ"ק, איז אברהם קיים כל התורה כולה, וזקן ויושב בישיבה, ווי די גמרא זאגט אין יומא (כ"ה), ועד"ז יצחק, ועד"ז יעקב, און וואו האט יעקב געלערנט תורה, בבית תורתו פון שם ועבר, איז וואס איז די קשיא,עס איז דאך דעמאלט אויך געווען ד׳ אמות של הלכה.

אבער דאס איז אלץ געווען דער לימוד פון הלכה, עס איז אבער ניט די ד׳ אמות, ווייל עס איז ניט געווען העכער ווי א נברא קאן דערגרייכן, עס איז דעמאלט געווען דער לימוד התורה, איז דער רמב"ם פסק׳נט אפ איף פיה"מ (חולין פ"ז) אז דאס וואס מ׳איז מקיים די מצוה

– פון גיד הנשה–

פון גיד הנשה, און דאס וואס מ'איז מקיים די מצוה פון מילה, איז ניט דערפאר וואס אמר הקב"ה לאברהם, און ניט דערפאר וואס על־כן לא יאכלו בני יעקב את גיד הנשה, נאר דערפאר וואס אמר למשה מסיני.

ולכאורה צוליב וואס האט מען געדארפט האבן אז ער זאל זאגן א צווייטן מאל, בשעת עס איז שוין געווען דער ציווי צו אברהם, און בשעת עס איז שוין געווען דער ענין ביי בני יעקב, איז צוליב וואסיהאט מען געדארפט האבן נאכאמאל נשנה בסיני, בשעת עס איז שוין געווען געזאגט געווארן דעמאלט.

איז דערפון פארשטאנדיק, אז וואס איז דער ענין פון עשיית מצוה, איז דאס ניט דערפאר ווי דער מעמד איז געווען פאר מתן תורה, וואס דעמאלט איז דאך די גזירה אז עליונים לא ירדו למטה, נאר דער מטה שטייגט אין זיינע דרגות, ווי הויך ער קאן גיין מצד כח המטה, די עבודה דארף זיין מצד דעם וואס נאמר למשה מסיני.

וואס דעמאלט איז דאך געווען וירד הוי' על הר סיני, ווי ער זאגט אין מדרש אז ער האט מבטל געווען די גזירה, ואני המתחיל, שנאמר וירד הוי' על הר סיני, ער טוט א מצוה דערפאר וואס דורך דעם ווערט ער כביכול איין זאך מיט קוב"ה, וואס דאס איז אינגאנצן שלא בערך צו קיום המצות ולימוד התורה, ווי ס'איז געווען בימי שם ועבר, אעפ"י וואס יעקב בחיר שבאבות האט פון דארט גענומען זיין לימוד ההלכה, וואס דאס איז די קשיא פון דעם רמב"ם וויסענדיק אז דא שטייט ד' אמות של הלכה, און דאס דארף פארבייטן דעם ביהמ"ק, וואס ענינו של הקב"ה איז געווען ושכנתי בתוכם, דער אויבערשטער כביכול איז דא למטה אין דעם מכון ומקדש- עליונים ירדו למטה, ואני המתחיל.

פרעגט דער רמב"ם די קשיא, ווי קאן דאס זיין ביי שם ועבר, בשעת דעמאלט איז געווען עליונים לא ירדו למטה, וואס האט א שייכות כביכול הקב"ה בעולמו, עליונים געפינען זיך מלמעלה, און עולמות תחתונים געפינען זיך למטה. אויי יעקב בחיר האבות האט געלערנט תורתו ביי שם ועבר, איז דאס אלץ געווען ווי תחתונים, ניט ווי דער עליון זאיין למעלה בימנו.

און אויף דערויף פארענטפערט ער, אז דער ענין פון ד' אמות של הלכה, דער תכלית השלימות איז דוקא לאחרי מתן תורה, ניט נאר ווי ער איז מצד הבריאה וואס דאס איז ג' אמות, נאר ד' אמות, וואס דאס איז ווי ער איז מגביה ידיו למעלה מראשו, ער טוט אויף אן ענין וואס בריאה מצד עצמה האט דאס ניט.

וואס דאס איז אויך וואס יעדער ענין דארף זיין בהקדמה לזה בעבודה, כמבואר אין מאמר אז עס איז דא ווי עבודה איז מצד שכל שבראש, ווי עבודה איז מצד מדות ורגש הלב, עבודה מצד ענינים פון רגל שבנשמה, דערנאך איז דא די עבודה פון לעילא, נאר וואס דען ווי למעלה מראשו, העכער פון אלע זיינע כחות, בכל מאדך, מאד שלך, אז דאס איז העכער פון זיינע מדידות והגבלות, אפילו העכער פון דעם ראש, און אפילו העכער פון דעם כתר שע"ג הראש, און וואס דערלאנגט דארט, דער מגביה ידיו, דער עיי"ל לעילא, אז דורך עיי' בפועל און דורך לעשותו, איז דא פועל'ט מען אויף אז יהנו להקב"ה בעולמו, דורך דעם וואס ער האט דעם ענין פון ההלכה אין אלע זיינע ד' אמות, און דארט פועל'ט מען אויף דעם הליכות עולם לו.

און דאס איז אויך דער ביאור וואס חסידות איז מבאר פארוואס איז ד' אמות של אדם קונות לו, און דאס ווערט אנגערופען בשם שבו איש תחתיו, דערפאר וואס דער עצם הנפש און די יחידה שבנפש איז זיך מתפשט אין די ד' אמות המסביב, וואס לכאורה וואס האט א שייכות עצם הנפש ויחידה שבנפש צו גיסין ותפצים וכו' וכו'.

- מוז מען --

מוז מען זאגען אז דאס איז ווי עצם שבנפש און יחידה שבנפש שפיסט אין אן אופן אז דאס זאל אראפקומען ביז אין קניין חפצים, וואס זיי געפינען זיך אין די ד' אמות, און וואס פריער, איידער ער איז אריינגעגאנגען אין די ד' אמות האט דאס געהאט א שייכות צו א זולת, אדער צו א היפך פון איס,

און דאס איז קונות לו, ווארום דאס ווערט ד' אמות של הלכה, און דאס מאכט אז הקב"ה זאל זיין בעולמו.

און דאס איז אויך דער ביאור מארז"ל וואס דער רמב"ם ברייננט בהמשך צו א צווייטן מאמר, אז כל אחד דארף זאגן "בשבילי נברא העולם", וואס ער ברייננט דאס אין המשך הביאור אז " חייב אדם לומר בשבילי נברא העולם" איז דאס ניט געזאגט געווארען צו יעדער אידן, און וויבאלד אז בשבילי נברא העולם דארף ער דאך זעהן אז ער פ"י עבודתו אז עס זאל זיין אזא מין עולם וואו עס איז דא הקב"ה, איז דערפון פארשטאנדיק אז ער דארף אויפשטעלן ד' אמות של הלכה, וויבאלד אז די גאנצע וועלט האלט זיך אויף איס.

וואס דאס איז אויך דער יסוד אין דברי הראשונים וגדולי התורה בנוגע צו יפוצו מעיינותיך חוצה, אז ביי יעדער אידן איז דא דער ענין פון ד' אמות של הלכה, וואס ווי דער רמב"ם איז דאס מפרש באריכה און ער איז דארט מסביר דעם עומק הענין וגודל הענין אין הקדמה צו פיה"מ, וואס דאס איז דער יסוד פון כל התושבע"פ, וואס ענינה איז דאך גילוי לגבי תושב"כ, זי איז מגלה רצון העליון בגילוי ובפרטיות, אז כל אדם דארף זאגן, און דאס איז א חיוב אז ער זאל זאגן אז בשבילי נברא העולם.

און אין זעלבן המשך איז ער מבאר ווי אזוי דער עולם איז אן עולם וואס געפינט זיך דארט הקב"ה, וואס דאס איז דורך ד' אמות של הלכה, און ווי ער איז מבאר וואס איז די ד' אמות של הלכה, אז דאס איז החכמה והמעשה, און ער איז מבאר נאך מערער, עס זאל גיט זיין קיין מקום לפירוש אחר וואס מיינט ער חכמה, מיינט ער דאס די ידיעות פון חכמת האלקות, וואס דאס איז דער תכלית העילוי וואס עס איז דא אין ידיעות המושכלות, און דאס מיינט מען ד' אמות של הלכה.

די תורה איז דאך אינה מבקש אלא לפי כוחן, וויבאלד אז חייב אדם לומר קאן ער דאך זיכער זאגן מצד תורת אמת, וואס דאס באווייזט אז דער אמת איז אזוי, במילא וועט ער קאנען אויספירן אז עס זאל זיין נבה"ע ווי עס דארף צו זיין, דורך זיינע ד' אמות של הלכה וועט ער אויפשטעלן אז עס זאל זיין הקב"ה בעולמו.

(צוה לנגן ניגון הבינוני).

ד. מען האט גערעדט בנוגע דעם בעל ההילולא, וכרגיל ווי אויך דערציילט אין היינטיקער סדרה, אז פונקט אזוי ווי עס איז געווען דער אז ישיר משה וכל ישראל די אנשים, אזוי איז געווען דער התקח מרים און כל נשי ישראל, און דאס איז געווען א שירה להוי' כי גאה גאה, אזוי איז אויך פארשטאנדיק אין אתפסטותא דמשה שבכל דרא ודרא.

וואס דאס איז די סיפורים וואס עס איז דא אנהויבנדיק פון דעם אלטען רבי'ן, סיי בהנוגע לאמו, סיי בהנוגע לזוגתו, כמבואר ומסופר באריכה אין די זכרונות פון דעם רבי'ן בעל ההילולא בנוגע צו ביידן.

עד"ז אויך איז דאס דא בנוגע צום בעל ההילולא אליין, וואס ער האט דערציילט סיי בהנוגע לאמו, און סיי בהנוגע לזוגתו, תבדל לחיים טובים, וואס בהנוגע לאמו איז דא דער סיפור אין די צוויי ענינים, סיי בהנוגע צו תורה און פנימיות התורה, און אויך בנוגע צו צדקה.

- וואס ער האט -

לבנה, די הוראה אז מתוך רחבות אמיתית – ווי דער בעל ההילולא זאגט – ורב טוב לבתי ישראל, זאל דעמאלט נמשך ווערן אז די נשיאים זאלן זיין אן עזר בכל הענינים, ביז וואנענט אז אן ענין וואס מ'האט פאר זיך א שטיקל ברויט טיילט דאס מיט אן ענו"ג, וואס איננו חייב לו כלום, און מ'טוט דאס בסבר פנים יפות, ועד"ז איז דאך אויך שייכות די רחבות אז די ענינים וואס מען האט אין דעם רב טוב זאל מען ניט געבן פון די מותרות וואס עס בלייבט נאר, על דרך ווי מען נעמט דאס פאר זיך.

ועד"ז אויך אין לימוד התורה, ביז אין פנימיות התורה, האבען זיי די אפשריות און מעגליכקייט אויף כמה ענינים פון פנימיות התורה זאלען נסמר ווערן דורך טרחתם בגופם, אז דאס זאל בלייבט לדורות ולדורי דורות, ועד"ז למוסדות הצדקה, ובהנוגע למוסדות התורה והתפלה, דארף אנשטיין יעדער ענין וואס מ'קאן טאן לביסוס ולחיזוק ולהתפסטות, נאר וואס דען דאס זאל זיין ווי די עבודה אפז, ביז וואנענט אז ער קומט פון ארץ אחור, פון רב טוב, נאר דער רב טוב זאל אויסגענוצט ווערן אויף טאן בגופו ובממונו ברוחו ובנשמתו להוי' לתורתו ולעבודתו, אז פון דעם רב טוב זאל מען אויפבויען דעם בית ישראל, וואס דאס וועט דערנאך ווערן א בית נאמן, אין וועלכן עס וועט זיין דער ושכנתי בתוכם אין אן אופן פון נס"ו, בגאולה האחרונה האמיתית והשלימה שאין אחרי' גלות, וואס דעמאלט וועט זיין אז ישיר, שיר חדש לשון זכר, במהרה בימינו בביאת משיח צדקינו.

(צוה לנגן אך לאלקים דומי נפשי)

יא. דער בעל ההילולא איז דאך מבאר אין דעם מאמר אר"א צדקת פרזונו, צדקה עשה הקב"ה עם ישראל ספזרן לבין האומות, כמבואר בארוכה אין די התוועדות פון יום השבת אז דורך דערויף וואס פזרן לבין האומות איז ישראל שבמדינה אחת ע"י התוספות בלימוד התורה וקיום המצוות ועבודת התפלה בפרט, זיינען זיי מוסיף כח אויך אין די אידן וואס לע"ע געפינען זיך אין א מעמד ומצב וואס עס איז דא מונעים ומעכבים אויף לימוד התורה בריבוי, און אויף קיום המצות בהידור, און אויף עבודת התפלה באריכות וכו'.

וואס אין דערויף איז דאך אויך דא א ממצוע די וואס זיינען אין א זמן קצר לפני זה געווען דארט, און געפינען זיך איצטער ארויס מן המיצר אל המרחב לפחות מרחב בהנוגע לענינים של לימוד התורה וקיום המצוות בכלל און עבודת התפלה ביחוד.

וואס בכללות איז דאס די אידן וואס לעבן אין כפר חב"ד, וואס רובם ככולם זיינען דאך יוצאי מדינה ההיא, און אזוי אויך יחידים וואס געפינען זיך בכמה מדינות, ביז די וואס זיינען געקומען לאחרונה ממש.

איז יהי' רצון אז דער לימוד התורה וקיום המצוות ועבודת התפלה של כל אחד ואחת באופן המתאים לו בהתעסקות ובריבוי ובהוספה, ועאכו"כ די אלע ענינים פון די וואס זיינען ערשט פון דארטן געקומען, אדער די וואס זיינען געקומען אביסעלע פריער, ביז די וואס האבן זיך באזעצט אין כפר חב"ד, זאל ארויס בגלוי ובפועל די הבטחה וואס דער בעל ההילולא זאגט אין דעם מאמר אז דאס גיט א כח און א הוספה אין לימוד התורה וקיום המצוות בכלל און עבודת התפלה ביחוד של אותם הנמצאים במדינות ההם, און דאס זאל אראפברייגגן גאולתם והוצאותם מן המיצר אל המרחב עם כל הפירושים, ולכל לראש דער ענין כפשוטו, אז זיי זאלן ארויסגיין מן המיצר אל המרחב, אין מילי דשמיא און אין מילי דעלמא כפשוטו בעגלא דידן.

– און דאס זאל –

וואס ער האט דערציילט אז עס איז געווען דער סדר וואס מ׳האט גערדארפט מעתיק זיין מאמרי חסידות אויף דער שנעל, איז אזוי ווי זי האט געהאט א שנעלן כתב און א גוטן כתב, איז זי געווען די וואס האט מעתיק געווען די מאמרים, ביז וואנענט אז עס זיינען דא כמה מאמרים פון יענע יארן, משנים האלו, וואס אויף וויפיל איך ווייס איז געבליבן שמערנפט ווי די רשימה, די העתקה, דער כת"י וואס איז געשריבן געווארען פון אמו של בעל ההילולא, וואס דאס איז בהנוגע ללימוד התורה.

עד"ז בנוגע לענין הצדקה, איז דעמאלט געווען -ווי דער רבי דער בעל ההילולא האט דערציילט- אז עס איז געווען צייטן וואס אויף דער הוצאה איז געווען דחוק ביותר, ביז וואנענט אויף אזויפיל דחוק אז עס איז בפשטות ניט געווען קיין פרוטה בכיס, און אעפ"כ אז עס פלעגן קומען ארעמעלייט, איז קיין געלט איז דאך ניט געווען וואס זיי צו געבן, פלעגט זי נעמען א שטיקל פון דעם כווארצן ברויט וואס איז געווען אויף עסן וועסטערע, צי ווארעמעס, צי אינדערפרי, און פלעגט דאס אפגעבן, און פלעגט דאס טאן בשמחה ובסבר פנים יפות.

וואס דאס איז א סיפור ווי אויך א הוראה, שלא כדעת הטועים לומר אז מה דאך אז ער פארזארגט רוחניות איז דאך בפשיטות אז אים אליין פעלט ניט, ניט קיין רוחניות און ניט קיין גשמיות, ובכלל וואס דארף מען דאס דאגה׳ן פאר א רבי׳ן, ער איז דאך אין עליו אלא הוי׳ אלקיו, איז דא דער סיפור אז עס איז געווען א משך זמן ארוך לפי ערך, און דאס האט זיך דערנאך איבער גע׳חזר׳ט מזמן לזמן אז ניט נאר עס איז ניט געווען קיין עשירות, ניט נאר עס איז ניט געווען ע"ד המצבוע, און ניט נאר עס איז געווען אויף ווייניקער פון מיצוע, נאר עס איז פשוט געווען אויף בחינת הצדקה, וואס דעמאלט פלעגט מען געבן צדקה א נתינה גדולה א קאפקע, אדער א פאלוקע (וואס דאס האט געהייסן א האלבע קאפקע) איז דאס אויך ניט געווען די מציאות עס זאל זייך, ביז אז מ׳האט גערדארפט אנקומען צו געבן א שטיקל פון דעם שווארצן ברויט, וואס איז געווען בבית.

– אין דעם פרק פון דעם מאמר רעדט זיך, אז עס איז דא דער אור ווי ער גייט דורך דעם זכוכית אדומה ולבנה, איז אזוי ווי אינדערפרי האט זיך גערעדט וועגן זכוכית אדומה, וועל איך זיך איצטער ניט אראפגליטשען ווייטער אויף דעם, במילא וועל איך הערן מערניט וועגן זכוכית לבנה–

עד"ז איז אויך געווען וואס דער רבי האט דערציילט בנוגע לזוגתו הרבנית שתחי׳ להבדיל לחיים ארוכים, עס איז אויך געווען בשעת עס איז געווען די זמנים לאחרי החתונה, וואס כאמור לעיל איז דעמאלט די רחבות פון בונה ביתו דורך צובויען א חדר צו דעם בנין הקיים, איז דעמאלט אויך געווען דער סדר, אז אפילו אז מ׳ האט שוין געמאכט די ישיבה, וואס דאס האט גערדארפט היימן רחבות גדולה, איז ניט געווען קיין געלט מיט וואס מ׳זאל דינגען אימעצען אויף שרייבן קבלות, איז געווען דער סדר אז איין דעה איין און־אייגציקען צימער וואס וואס דאס איז געווען דער חדר האוכל, דער חדר הלימוד, און חדר השינה, האט מען פון דעם חדר אויך געמאכט, דא וואס דא הייסט עס העדקוואדערס פון דער ישיבה, און אזוי ווי עס איז ניט געווען קיין געלט וועמען צו דינגען פאר א סעקרעטאר אדן א שרייבער וכו׳ וכו׳; איז די קבלות האט געשריבן זוגתו הרבנית, די שוויגער תחי׳.

וואס דער סיפור באוויזט דאך אויך דאס וואס האט א שייכות צו זכוכית אדומה, ווי אזוי מען האט באווארענט דעמאלט די אלע ענינים בהרחבה, לאידך גיסא, מען רעדט דאך איצטער וועגן זכוכית

–לבנה–

און דאס זאל זיך אויפטאן און אפטאן דורך רב טוב לבית ישראל, דורך דרכים פון טוב הנראה והנגלה בחסד וברחמים רבים, וואס דאס ברייננגט דאך אראפ כל הענינים למטה מעשרה טפחים ווי זיי שטייען אין טוב וואס דאס איז דער מקור הטוב מחוך הרחבה.

זאלן די אלע בתכבכי כללות ישראל, טאן אין תורה ומצוות אין אן אופן פון הלוך ומוסיף הלוך ואור, און ארויסנעמען כל אחד ואחת פון דעם גלות ומצרים וגבולים אין וועלכן ער געפינט זיך היינט, צו דעם מרחב האמיתי ביז דעם מרחב י־ה, דעם מרחב העצמות, וואס דעמאלט איז עצמות האט צוטאן מיט דעם יש הנברא סבעוה"ז הגשמי, אז ער שטעלט אוועק דעם יש הגשמי סבעוה"ז אין א מעמד ומצב פון מרחב בכל עניניו, און דעמאלט איז ווי דער בעל ההילולא זאגט, אז דער אויבערשטער וועט געבן אלץ וואס מ'דארף צו אידן, וועלן אידן באווייזען וואס זיי קאנען אויפטאן, ווארום זיי וועלן אויפטאן מיט דעם אלץ וואס דער אויבערשטער וויל מתוך שמחה וטוב לבב ורוב כל.

( צוה לנגן ניגון הכנה, אח"כ ניגון אדמוה"ז, ואת הבבא הרביעית לכופלה ג׳ פעמים, ואח"כ ניעט זשוריצי חלאפצי)

התחיל בעצמו כי בשמחה.

***********

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה:</u>